STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00859

IN ZUNN UN NEBEL

Yehoash

Permanent preservation of this book was made possible by
Allen M. Zeltzer, Ph.D.
in memory of
Dr. Joseph Elihu Zeltzer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהואש

אין זונן און נעבעל

פאַרלאַג „אויפגאַנג“
ניו-יאָרק

Through Mist and Sunshine

by

YEHOASH.

50 Eldridge Street
New York.

Copyright 1913, by S. Bloomgarden, New York

אינהאַלט

מאָטיווען

די בת־מלכה 5
פאָלקס־מאָטיוו 7
דעם יתום׳ס מאַמע 9
די למד־ואָו 11
אַבו־בען־אַדעם 13
דאָס נילוס־קינד 15
נבוכדנאצר 18

אונטער׳ן פרייען הימעל

פריהלינג־טרוים 25
מאַי־רעגען 1. 2. 3. 27
אויפ׳ן לאַנד, מאָרגען 30
" " מיטאָג 31
" " נאַכט 32

וואַסער־שפּיגעל 1. 2. ... 33
אין וואַלד ... 35
בין השמשות. ... 38
דער שטיין ... 42
הערבסט־מאָטיוו ... 45
ש נ ע ע ... 47
שנעע־רוה ... 50
שנעע־לעגענדע ... 53
ו ו י נ ט ע ר ... 57
פ אַ ר נ אַ כ ט ... 58
אויפ׳ן שליטען ... 59

געזאַנגען און זיפצען

קום, צו מיר 1. 2. 3. ... 65
ווי געוואונשען ... 68
ביים טאַנץ. ... 69
קייטען 1. 2. ... 70
אַ טויטע רויז ... 72
די שטילע ... 73
דער טאַליסמאַן ... 74
אויפ׳ן פעלז ... 75
אָהן דיר ... 77
בענקעניס 1. 2. ... 79
קעניג אָדער שקלאַף ? ... 81
דער בלייבער זיעגער ... 82
ד ע ר ק ע נ ט ... 84

וואָס דו האָסט ניט געקריגען 85
מיין וועגוס 87
בעגעגעניס 90

זוכענדיג

די נייע נבואה 93
פאַר גאָט'ס מזבח 96
בלאָנדזשענדיג 98
אַ זיעג ? 100
אַ תפלה 104
אַ זעהונג 106
צוויי־איינציגקייט 108
לעבען 109
דער ענטפער 110
אין דער נידער 111
דער אבן טוב 114
דאָס שענסטע ליעד 115

געטרוימט און געטראַכט

דעם פאָלק'ס אָפּגאָט 121
פעניקס 128
דער לעצטער 130
זיין גורל 133
הונגער 134
דאָס ליעד און דער טויט 136

אַ קעניג אויף אַ טאָג 137
ה אַ ס 138
ז י נ ד 140
דאָס ליעד פון סוף 142
שעהן איז בלויז דער וואַלד 144
דאָס בוימעל 145
די ווינטער־פרעירי 147
אַן איבעררעאַשונג 148
דאָס קראַנקע קינד 150
דער טהראָן 151
אַ פּראָפעט'ס צרות 153
נאָך דעם קריעג 155
דער קרייז 158

פּראָזאַ־ליעדער

פ ר י ה ל י נ ג 161
דער ים 167
פאַלענדע בלעטער 172

די שונמית

די שונמית (אַ ביבליש בילד) 179

לעגענדען און האַלב־לעגענדען

פורפור־וואָלקענס 205
א י ס ט ה ר 208

אָדם הראשון׳ס שעהנהייט 213
די פאַרלאָרענע שפּראַך 215
דער ערשטער טויט 220
דאָס ירושה־העמדעל 220
דער וואונדער־שטעקען 224
דאָס פּאָאר 226
אברהם אבינו׳ס דימענטשטיין 228
מתן תורה 1. 2. 3. 230
דער געזעצגעבער 234
כביכול׳ס טהרערען........................ 239
די ליעבלינגען פון גאָט 241

אין זונען
און נעבעל

מאָטיוועו

די בת־מלכה

גענוואַנדערט וואַלד־אײַן און געוואַנדערט וואַלד־אוים —
די בת־מלכה האָב איך געפונען:
איהר פנים אַזוי ווי די ליכטיגע זונן,
די האָאר ווי פון גינגאָלד געשפונען...

דער האַלז אַלאַבאַסטער, דער נאַקען ווי שנעע
ערשט ריין פון׳ם הימעל געפאַלען...
די בריסט און די לענדען, ווי וועלען פון מילך
גערויטעלט פון טאָג׳ס ערשטע שטראַהלען...

די ליפען רובינען, ווי פּערעל די צייהן,
די פינגער ווי ליליען געפליקטע;
די אויגען... די אויגען נאָר זיינען געוועזן
דורך כשוף צוזאַמענגעדריקטע...

איך וויים ניט דעם כשוף און וויים ניט דעם שפּרוך,
דורך וועלכען איהר שלאָף ווערט צוריסען;
מיין האַרץ וועט פון ליעבען און שמאַכטען פאַרגעהן —
ווי מאַך איך אַז זי זאָל עס וויסען?...

גערוואַנדערט וואַלד־אַיין און גערוואַנדערט וואַלד־אויס,
די בת־מלכה האָב איך געטראָפפען;
איך זיפץ און איך זינג די נשמה זיך אויס —
ווי מאַך איך די אויגען איהר אָפפען?...

.1912

פאָלקס מאָטיוו

„מאַמעניא מײנע, מאַמעניא האַרץ,
„בינד אָפּ פון מײן האַלז די קאַרעלען,
„דער קײזער װעט קומען צופאָהרען אַהער,
„און כ׳װעל איהם חלילה געפעלען...״

— טאָכטער׳ל מײן, טאָכטער׳ל גאָלד,
דײן הערצעלע זאָל זיך ניט פּלאָגען,
איך װיל ניט דער קײזער זאָל האָבען דיך האָלד,
און דו װעסט קײן ציערונג ניט טראָגען...

„מאַמעניא מײנע, מאַמעניא האַרץ,
„מײן צאָפּ טהו מיר מיאוס פאַרקעמען,
„דער קײזער װעט קומען צופאָהרען אַהער,
„און שיקען שטאַפעטען מיך נעהמען...״

— טאָכטער׳ל מײן, טאָכטער׳ל גאָלד,
ער װעט קײן שטאַפעטען ניט שיקען,
איך װיל ניט דער קײזער זאָל האָבען דיך האָלד,
און קניפּ דיר אַ קאָלטען אַ דיקען...

„מאַמעניא מיינע, מאַמעניא האַרץ,
„מיין ווייסע געזיכט טהו פאַרשמירען,
„דער קייזער וועט קומען צופאָהרען אַהער,
„און וועט אין זיין פּאַלאַץ מיך פיהרען..״

— טאָכטער'ל מיין, טאָכטער'ל גאָלד,
האָב נאָר ניט קיין מורא אין האַרצען,
איך וויל ניט דער קייזער זאָל האָבען דיך האָלד,
און וועל דיך מיט סאַזשע פאַרשוואַרצען...

„מאַמעניא מיינע, מאַמעניא האַרץ,
„כ'טהו ביטערע טהרערען פאַרגיסען,
„דער קייזער וועט קומען צופאָהרען אַהער,
„וואו קען איך די אויגען פאַרשליעסען ?...״

— טאָכטער'ל מיין, טאָכטער'ל גאָלד,
אַנטלויף ווי אַ פייל פונ'ם בויגען,
כ'האָב מורא דער קייזער וועט קריגען דיך האָלד,
ווען ער וועט נאָר זעהן דיינע אויגען...

.1913

דעם יתום׳ס מאמע

(לעגענדע)

עם רעגענט און שטורעמט דערוויסען,
אין קעמערעל הויערט די נאַכט,
די אַלטינקע באָבע ביים וויעגעל,
האָט מיעד איהרע אויגען פאַרמאַכט...

דער וואַנד־זייגער קלאַפּט אין אַ ווינקעל,
עס זומט אין דער פינסטער אַ פליעג...
דאָס קליינינקע יתום׳ל שלאָפט ניט
און שפּיעלט זיך אַליין אין דער וויעג...

און פלוצים זיך עפענט אַ פענסטער —
אַ ווייסע געשטאַלט קומט אַריין...
דעם יתום׳ל׳ס אויערלעך הערען
אַ שטימע פון ליעבשאַפט און פיין: —

„איך קום פון דעם שטורעם צושפּרייזען,
„איך קום פון דעם רעגען צוגעהן,

„איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, קינד מיינס,
„און קען ניט מעהר בלייבען אַליין...

„קום, קינד, אויף די הענד פון דער מאַמען,
„מיר וועלען אַרוים אויף שפּאַציר,
„איך וועל אויף מיין האַרצען דיך טראָגען,
„און טוליען דיין קעפּעל צו מיר...

„כ'וועל מיינע תכריכים צורייסען,
„און נעהען דיר ווינדעלעך שעהן,
„מיין בעט איז געראַם פאַר אונז ביידען,
„און קיהל איז מיין קישען פון שטיין...

„דער ווינד אויפ'ן גרויסען בית־עולם,
„ווערט קיינמאָל ניט זינגענדיג מיעד,
„און ליעגענדיג אונטען אין קבר,
„דיר נאָכזינגען וועל איך זיין ליעד...”

דאָס יתום'ל שטרעקט זיינע הענטלעך,
און רופט צו דער ווייסער געשטאַלט...
די באָבע כאַפּט אויף זיך מיט שרעקען —
דאָס קינד ליעגט פאַרגליווערט און קאַלט...

.1912

די למד־וואָו

ווער ווייס וואו זיי וואוינען און וואָגלען אַרום,
די היילינגע לייט זעקס און דרייסיג,
געפייניגט פון נויטה און פון הונגער געפּלאָגט,
גאָט'ס ווילען ערפילענדיג פלייסיג ?...

אין שמאַטעס געקליידט, אויף די לענדען אַ שטריק,
ניט בעטענדיג מיטלייד און שוינונג,
פאַרשלינגענדיג שפּאָט און בעגריסענדיג פּיין,
און אָהן דעם מאַרטירער'ס בעלוינונג —

ביים אַל און ביים וואַרשטאַט, ביים רידעל און האַק,
אין חורבות פאַרפּעסטיגט פון שימעל —
געפינט זיי דער מלאך וואָס קומט יעדען טאָג
זיי איבערצוצעהלען, פון הימעל...

ער היט זייער מספר, עס טאָר פון דער צאָהל
ניט ווערען אַן איינציגער חסר,
דען זינדיג די וועלט איז, און גרייט איז דער מויל,
פון פינסטערען שטן דעם מסור...

קוים האָבען זיך איינעם די אויגען פאַרמאַכט,
שוין האָט זיך אַ נייער געפונען...
אַזוי ווערט די רייה פון יסורים און וועה,
פון איינעם צום צווייטען געשפונען...

— — — — — — — — — — — — — —

ווער ווייס וואו זיי וואָגלען די הייליגע לייט,
און טראָגען געדולדיג גאָט'ס קייטען,
זיין ווילען ערפילענדיג יעדער פאַר זיך
ניט וויסענדיג איינער פון צווייטען ?...

.1912

אַבו־בען־אַדעם

(פון ליה האָנט.—איבערזעצט פון ענגליש).

אַבו־בען־אַדעם האָט אַמאָל ביי נאַכט
אין מיטען פון אַ טיעפען שלאָף ערוואַכט,
און זעהט : זיין צימער איז געטונקט אין שיין,
ווי ס'וואָלט געפילט מיט ווייסע ליליען זיין...
און ס'שטעהט אַ מלאך ביי אַ גאָלדנעם בוך
און שרייבט...
בען אַדעם האָט פון זיין בעזוך
זיך ניט דערשראָקען און געפרעגט איהם דרייסט :
„וואָס שרייבסטו ?..."
אויפגעהויבען האָט דער גייסט
זיין קאָפּ, און איהם געזאָגט מיט מילדער גנאָד :
„די נעמען פון די לייט וואָס דיענען ג אָ ט . . . "
„בין איך פון זיי ?" איהם פרעגט אַבו. „ניט דו !"
דער מלאך ענטפערט... דאָך מיט פעסטער רוה
בען אַדעם זאָגט : „דאַן שרייב אין בוך פון גאָלד,
„אַז כ'בין פון ד י וואָס האָבען מענשען האָלד..."

דער מלאך טהוט עס און פאַרשווינדעט שנעל.
דאָך אויף דער צווייטער נאַכט ווערט ווידער העל...
דאָס גאָלד'נע בוך ליעגט ווידער אויסגעשפּרייט,
און זעה !... אין ע ר ש ט ע ר רייה בעך־אַדעם שטעהט...

.1913

דאס נילוס־קינד

(אַ מדרש־מאָטיוו)

קוים איז דאָס וואָרט פון פרעה'ס מויל געפאַלען,
און שקלאַפען איילען דורך די הויכע זאַלען,
דער בת־מלכה זיין וואונש צו איבערגעבען : —
„ברינג מיר דאָס פרעמדע קינד, וואָס האָט זיין לעבען
„דיין אונבעצוואונגענעם קאַפּריז צו דאַנקען..."

דער הערשער וואָרט פאַרזונקען אין געדאַנקען...
און טויזענד רויט־געגורטע שוואַרצע ריעזען,
מיט בּרייטע שווערדען און מיט לאַנגע שפּיזען,
ווי שטיין־געשטאַלטען שטעהען רונד אַרום איהם...
און פאַר זיין טהראָן זיך בוקען די חרטומים,
זיין וויסטען חלום, גרייט איהם צו ערקלעהרען...
און פרעה רעדט : —
„אַרונטער פון אַ שטערען
„געזעהן אַן אָדלער האָב איך מעכטיג פליהען,
„אין זיינע אויגען איז געווען אַ גליהען,
„וואָס האָט ווי וואַקס מיין אינגעווייד צושמאָלצען,
„און דרעהענדיג זיך אין אַ קרייז אַ שטאָלצען,

„גענידערט האָט ער צו דעם נילוס' וועלען...
„און דאַן האָב איך געהערט פון פיעלע קעהלען
„אַ פרייד־געשריי, און אויף דעם וואַסער'ס ברעגען,
„געזעהן אַ גרויסע מחנה זיך בעוועגען...
„פאַראויס אין לופט, דער אָדלער איז געפלויגען,
„און אונטען האָט זיך הינטער איהם געצויגען
„דאָס פאָלק־געזעמעל, ביז ער איז געקומען
„צום קעניג'ס פאַלאַץ, און..."
עס האָרכט בענומען
דער כאָר פון די חרטומים —
„...און פון שלומער
„ערוואַכט האָב איך, און אַייך גערופען צו מיר..."

דער קעניג האָט די ליפען צוגעשלאָסען...
און פלוצים האָט אַ שימער זיך צוגאָסען,
אויף פרעה'ס פנים און אויף פרעה'ס היטער...
די הערצער דורכגעלאָפען איז אַ ציטער,
און אַלע בליקען האָבען זיך געווענדעט
צום איינגאַנג — האַלב ענטציקט און האַלב פאַרבלענדעט
פון וואונדער־שיין...
אַ שקלאַפין האָט געטראָגען
דאָס נילוס־קינד... און בלייך און נידערשלאָגען,
די פירסטין איז איהר ליעבלינג נאָכגעגאַנגען...
אַ טהרער איז אויף איהר זיידען־ברעם געהאַנגען;
די יונגע ברוסט אין צווייפעל'ס פויסט געקלאַמערט,
מיט האָפענונג און שרעק האָט ווילד געהאַמערט,
און אין איהר מח האָט אַ שלאַנג געביסען:
„וואָס וועט דער הערשער אין זיין כעס בעשליסען?"

מצרים׳ס קעניג שמייכעלט... פון זיין פנים,
פאַרשווינדען צאָרען׳ס פינסטערע סמנים,
און מילדקייט שמעלצט דעם הערשער׳ס שטרענגען ווילען.
ער נעהמט דעם זויגלינג אויפ׳ן שוים זיך שפילען,
ער וויקעלט איהם אין זיינע פורפור־פאַלטען,
ער לאָזט זיין גרויסען זיגעל־רינג איהם האַלטען,
און ווייזט איהם אויפ׳ן צעפּטער די בריליאַנטען...

עס שמייכלען אַרום טהראָן־שטוהל די גיגאַנטען,
און פרעה׳ס טאָכטער גיט אָזירים*) לויבען...
דאָך זעה... דער קעניג טרייסעלט... וואוטהיג הויבען
פון אַלע זייטען זיך די וואפען־שפּיצען,
און די חרטומים׳ס בליקען ראַכע שפּריצען: —
דאָס ניל־קינד רייסט מיט זיינע קליינע פינגער,
די קרוין פון קאָפּ דעם מעכטיגען בעצווינגער...

---

*) עגיפּטישער גאָט.

נבוכדנאצר

מיט בלומען בעציערט איז דער פּאַלאַץ פון קעניג,
בײַ טישען פון זילבער דאָרט זיצען די געסט,
און טהייערסטע שפּייזען, און ווירציגסטע וויינען,
און טענץ און געזאַנגען בעשעהנען דאָס פעסט...

סאַטראַפּען און פירשטען מיט שנעע אין די לאָקען,
מיט פלאַמען אין ד'אויגען גבורים פון שלאַכט —
פון הונדערט פּראָווינצען פון מזרח און מערב,
אַהער האָט דער רוף פון דעם מלך געבראַכט...

„אָהן גרענעצען לוסטיג זאָל ה י י נ ט זיין די מאָהלצייט,
„און רייצענד די פרויען און שטאַרק דער געטראַנק...
„און ווילד זאָלען שפּילען די פלייטען און פּויקען,
„און ווילד און פאַר'שכור'ט זאָל זיין דער געדאַנק..."

אַזוי איז דאָס וואָרט פון דעם הערשער געוועזען,
און פריידיג ערפילען די געסט דעם בעפעהל;
שוין ברענען די באַקען, שוין פינקלען די אויגען,
און ס'טומעלט אין פּאַלאַץ, אַ רוישיגע וועל...

פילט אָן די באַקאַלען, און פילט זיי אָן ווידער,
טרינקט פירסטען, סאַטראַפּען, די גליהענדע זאַפט,
מיט ליפּען בעטרונקענע לויבט דעם בעזיעגער,
וואָס האָט אַייך מיט גאָלדענע קייטען פאַרשקלאַפּט...

דאָך קעניג פון בבל, בעצווינגער פון פעלקער,
וואָרום ניט געניסטטו די לוסט פון דיין שלאָס ?
וואָרום ניט בעריהרסטו די שפּייז אויף דיין טעלער,
און נעהמסט צו דיין ליפּ ניט דעם פּורפּורנעם כוס ?

געפעלט דיר דער טאַנץ ניט פון דיינע שקלאַפינען,
די נאַקעטע גליעדער, די דופטיגע האָאר ?
האָט אפשר דיין אויער אַ פעהלער געפונען,
אין קלאַנג פון דער האַרף, אין געזאַנג פון'ם כאָר ?...

אָ, קעניג פון בבל, דו שרעק פון די לענדער,
וואָס דריקט אויף דיין מח, וואָס וואָלקענט דיין זינן ?
וואָס קוקסטו פאַרשטאַרט צו דעם פענסטער פון פּאַלאַץ,
און ווענדסט דיינע אויגען מיט אַנגסטען אַהין ?...

אָ, קעניג פון בבל, טיראַן פון נאַציאָנען,
דיך קוויקט ניט די מאָהלצייט, דיך וועקט ניט די פרייד,
אויפ'ן פענסטער פון פּאַלאַץ, ווי שפּינען פון פייער,
זיך האָבען די ווערטער פון נביא פאַרשפּרייט : —

„ווען דורכ'ן פענסטער פון פּאַלאַץ,
„וועסט ד ו דעם בלייכען מאָרגען זעהן,

„דאַן וועט דער קעניג פון די וועלטען,
„דיין לאַנגע גרויזאַמקייט פאַרגעלטען,
„און ס'גרויסע וואונדער וועט געשעהן...

„אַ חיה וועסטו פלוצלונג ווערען,
„פאַרשווינדען וועט דיין מענש־געשטאַלט,
„און מיט אַ האָאר־בעוואַקס'נעם רוקען,
„אין מדבר וועסטו זיך פאַררוקען,
„און זיין אַ וואוינער פון דעם וואַלד...

„דאָרט וועט דער לייב דיין חבר ווערען,
„און הויזען וועסטו מיט דעם בער;
„וועסט אין דער נאַכט דיין נאַהרונג זוכען,
„און וועסט צו מאָל ניט קענען פלוכען,
„נאָר וואָיען וועסטו און ניט מעהר...

„און שרעקען וועט דיך יעדער בויגען,
„און לויפען וועסטו פונ'ם שיין,
„און העלפען וועט דיך מעהר ניט קיינער,
„און בלויז די נעגעל און די צייהנער,
„די וואַפען דיינע וועלען זיין...

„און ווען דער הונגער וועט דיך נאָגען,
„און ברענען וועט דער דורשט דיין שלונד,
„דאַן וועסטו ברומענדיג דערמאָנען —
„ניט קרוין, ניט צעפטער און ניט טהראָנען,
„נאָר ס'עסען פון דיין שטאַל־קנעכט'ם הונד..."

— — — — — — — — — — — — — — —

הויבט הויך די באָקאַלען, סאַטראַפּען און פירסטען,
און לויבט און בעזינגט דעם געוועלטיגער׳ס מאַכט,
דער קעניג ער זעהט ניט, דער קעניג ער הערט ניט —
מיט מורא ערוואַרט ער דעם סוף פון דער נאַכט...

.1910

אונטער'ן פרייען הימעל

פריהלינג־טרוים

אַ טרעל אין דער לופטען, אַ קנאָספּ אויף אַ צווייג,
אַ וואַרעמער הויך אויפ'ן שטערען —
און ס'האָט זיך אין האַרצען געעפענט אַ נעסט,
און לויז געלאָזט אַלע בעגעהרען...

דערזעה איך, עס שווימט אויפ'ן הימעל אַרום
אַ ווייסינקער וואָלקען פון ווייטען —
אַ הויב און אַ שפּרונג, און שוין זיץ איך אויף איהם,
און לאָז זיך אַוועק אויף איהם רייטען...

איך פליה איבער טהאָלען און שוועב איבער בערג,
און שטיפענדיג יאָגט מיך אַ ווינטעל...
שוין גרייך איך אַרויף צו דער ליכטיגער זון,
און פליק מיר פון שטראַהלען אַ בינטעל...

דאַן פלעכט איך פון זיי אויפ'ן קאָפּ זיך אַ קראַנץ,
און בלייבען מיר איבעריג שטראַהלען —
צוואוואַרף איך זיי רעכטס און צוואוואַרף איך זיי לינקס,
אויף לאָנקעס און וועלדער און קוואַלען...

און דאַכט זיך, דער פריהלינג בין איך גאָר אַליין,
און איך בין דער קעניג פון לעבען,
און וואו נאָר אַ שימער, און וואו נאָר אַ קווייט,
האָב א י ך פון מיין אוצר געגעבען...

1913.

מאַי־רעגען

1.

וואָלקענס רוקען זיך צו וואָלקענס,
און אַ באַנדע קומט צוזאַמען —
אָנגעלאָדען פול מיט גנבות,
פון די טייכען און די ים'ען...

פאַלט אַ שאָטען אויף די פעלדער...
אין דעם נעסט די פויגלען שטומען,
אין דעם זאָמען וואַרט די שפּראָצונג,
אין די קנאָספען וואַרטען בלומען...

נאָך אַ רגע... וועלען ווערען
אַלע לאָגלען אויפגעריסען,
און די גנבות פון די וואָלקענס,
וועלען בוים און בייט געניסען...

.2

דריבלען, דריבלען זיך די וואָלקענס,
אַלץ געדיכטער און אַלץ ראַשער,
לייטערט אויבען זיך דער הימעל,
אונטען ווערט די ערד נתעשר...

בייגט דעם קאָפּ די ברייטע ליפּע,
לאָזט פון רעגען־גוס זיך וואַשען ;
זופּט דער קוסט מיט הונדערט ליפּען,
זוכט דער גראָז וואָס מעהר צו נאַשען...

פון דעם נאַסען גראָז, בשתיקה
לויפט דער רעגען צו דעם גראָבען,
דאָרטען וועט ער לוסטיג שטראָמען,
און אַליין הנאה האָבען...

3.

אָפּגעוווישט דער לעצטער זכר
פון דער פינסטערער חבריא —
אָטהעמט פריי דער הימעל אויבען,
לאַכט די ערד אַ שפּאָגעל־נייע...

קענטיג ביידע שטאַרק צופרידען:
אויבען איז די בלאָקייט קלערער,
אונטען איז די לאָנקע גרינער,
און געפּלאַצטע קנאָספּען מעהרער...

מאַכט מען זיך איינאַנדער חנ׳דלעך...
שיקט די ערד אַרויף שלוחים:
פליהען הין און הער די שוואַלבען,
פיהרען טרעלענדיג שידוכים...

שיקט צוריק דער הימעל שטראַהלען:
טאַנצען זיי אויף גראָז און בליטהען,
ווערען אַלע טראָפּענס רעגען,
אויף בריליאַנטען אויסגעביטען...

.1913

אויפ׳ן לאנד

מ אָ ר ג ע ן.

דער לעצטער גאָלדנער שטערען
לעשט אויס זיך אין דער הויך,
אין מזרח־הימעל ציטערט
אַ ליכט־שטרייף קאַלט און בלייך . . .

דער טייך טויכט מאַט און בלײ־גראָ
אַרויס, פון דונקלען רוים . . .
די בוימער־שפיצען רוישען,
און טרייסלען אָפּ אַ טרוים . . .

דער טהוי ליעגט אויף די קוסטעס,
ווי ווייסער ווינטער־פראָסט,
און פריש מיט וואַלד־גערוכען
דאָס ערשטע ווינטעל בלאָזט . . .

אַ פּאַטש פון שטאַרקע פליגלען,
און ס׳קרעהט אַרויס אַ האָהן;
אַ קעלבעל מריקעט ערגעץ: —
דער זומער־טאָג קומט אָן . . .

מיטאָג.

די לופט איז הייס און ווירציג
מיט בוימער־פּעך געריך,
אין בלאָען הימעל בלאַנדזשעט
אַ שטרייף פון וואָלקען־פּוך...

אויף ד'הויכע טאָפּאָל־שפּיצען
שלאָפט איין דאָס העכסטע בלאַט,
דער טייך הערט אויף זיך בלעזלען,
און שפּרייט זיך העל און גלאַט...

דער סאָד איז שטיל און זוניג,
נאָר ווען־ניט־ווען זיך הערט,
אַ דומפּער קלאַפּ פון עפּעל,
וואָס פאַלען צו דער ערד...

און ווען־ניט־ווען אַ ביען־זום,
ווי עמיץ זינגט פון שלאָף,
און ערגעץ פונ'ם שייער
דאָס קוואָקטשען פון אַן עוף...

נ אַ כ ט.

פון דונקלען באַרג־וואַלד הויבט זיך אויף,
   אַ שטילער זילבער־ראָד,
און איבער פעלד און פעלזען פאַלט
   אַ ווייכער בלייכער סוד...

דורך קוסט און גראָז זיך שלענגלענדיג,
   דאָס שמאָלע טייכעל קריכט,
און שימערט דורך, באַלד דאָ באַלד דאָרט,
   בעשפריצט מיט ווייסען ליכט...

און ערגעץ פון דעם בוימער־ים,
   פון גרינעם צווייג־געדראַנג,
אין איינצ'גע טרעלען שלוכצט אַרויס
   אַ זיסער וועה־געזאַנג...

.1911

וואסער־שפּיגעל

.1

עס האָט זיך פון בענקשאַפט דער הימעל
אין ליכטיגען וואַסער דערטרונקען,
האָט אויבען זיין שאָטען געלאָזען
און ע ר איז אין אָפּגרונד פאַרזונקען...

אויף זאַמד־קישענס אויסגעבעט האָט איהם,
זיין טייך־קאַמעראַד דער געטרייער,
און פרום־שטילע װעלען, איהם זיינען
דעם לויטערען פּנים מטהר...

און ס׳בויגען אַרונטער צום טייך זיך
די ווערבעס מיט הענגענדע צווייגען,
בעקוקען דעם נפטר דעם שעהנעם,
און וויגען זיך טרויריג און שווייגען...

.2

די זומער־נאַכט, אין ים פאַרליעבט,
האָט טיעף זיך אַרונטערגעבויגען : —
מיין ווילדער ים, מיין שטאָלצער ים,
קום קום מיר די גאָלדענע אויגען...

איך וועל דיר פון לבנה־ליכט
אַ מאַנטעל אַ זילבער׳נעם געבען,
נאָר הער דיין ווילדעס רוישען אויף,
דיין קראַכען און שרייען אין שטרעבען...

עס ברילט צוריק דער גרויסער ים :
אָ, זומער־נאַכט, כ׳וועל דיך בעזיגען,
ווער ס׳ליעבט מיך ווארפט זיך אויף מיין האַלז,
און קומט אויף מיין שטורעם־ברוסט ליעגען...

און פאַלסטו אויף מיין בוזעם נאָר,
מיט דיינע בעשטערענטע פליגלען,
דאַן זיי צופרידען וואָס דו ועסט
אין גרויסען אוקינוס זיך שפיגלען...

.1910

אין וואלד

איך בין ביי אַ גרויסען געהיימנים געווען...
כ'האָב דעם אַלטען פאַרפלאָכטענעם וואַלד,
אין זיין הייליגסטער שעה איבערראַשט...
און ס'האָט זיך פון יענעם געהיימנים,
אַ זיידענער שאָטען אַרונטערגעוויקעלט,
און האָט מיין נשמה בעמאַנטעלט,
און דריבעלט זינט דאַן זיך אין דונקעלע פעדעם,
דורך טרוימען פון טאָג און חלומות פון נאַכט.

כ'האָב געבלאָנדזשעט דורך גראָזען און בלומען,
פאַרטונקט ביז די קניע אין דעם גרין־ווייכען רייכטהום,
אַמאָל אונטער סוכות פון פינסטערע סאָסנעס,
אַמאָל אויף אַ זונען־בעשפרינקעלטער לאָנקע...
ניט־זוכענדיג האָב איך דאָרט אוצרות געפונען,
פון דימענטען שוואַרצע, מגולגל אין יאַגדעס,
און קוויטען־רובינען און בלימלעך־סאַפירען,
אויף שטענגלעך פון העלען זמאַראַגד...
אין דער הויך האָט געצוויטשערט, אַרום האָט געזומט,
און פון ווייט האָט אַ קוואַק פון פאַרדרעמעלטע זומפען,

בעגלייט ווען־ניט־ווען דאָס געזום...
און יעטוועדעס ריטעל און בלאַט האָט געניאַנטשעט,
אַ קליינציג און ריהרעוודיג לעבען אויף זיך...

די ליפען פון יאַגדע־סאָק זאַפטיג,
אין הערצען אַ וואַרם־בערוישענדע פרייד —
אויף קווייטען זיך האָב איך געמאַכט אַ געלעגער,
און לאַנגזאַם זיך האָבען די ברעמען פאַרמאַכט,
און דער וואַלד־ביען׳ס געזאַנג איז אין חלום אַריבער...

ביז דער אבענד־הויך האָט אין מיין אויער געשושקעט:
„שטעה אויף !... דען דער לוסטיגער טאָג איז געענדיגט,
„און הינטער די בערג ליעגט די גאָלדענע זונן..."

כ׳האָב ערוואַכט: און פאַרביטען געווען איז דער וואַלד...
נאָך זומען און זינגען געקומען איז רוה...
און דאָס אויבערשטע בלאַט האָט פאַרגליווערט געהאָרכט,
צו דעם רוף פון פאַרבאָרגענע וואָרצלען...

דער אבענד־הויך האָט אין מיין אויער געשושקעט:
„פאַרלאָז אונז ! קיין מענש דאַרף ניט זיין,
„ווען דער וואַלד איז מיט זיך און מיט גאָט..."
דאָך איך בין געבליבען, און שאטען נאָך שאטען,
געזעהן זיך צושפרייטען אויף קוסטעס און גראָז,
ביז דונקעלערהייד איז אַ צווייג אין אַ צווייג,
און אַ שטאָם אין אַ צווייטען פאַרשלונגען געוואָרען —
צוזאַמענגעקוסט אין אַ בונד אַ געהיימען...

און עפּעס האָט אויף מיין נשמה גענידערט,
וואָס מיך האָט דאָס ווינטעל בעשוואָרען,
איך זאָל צו די ליפּען ניט לאָזען...

און שפּעטער, ווען איך בין דורך טהויאיגע זאַנגען,
געגאַנגען צוריק צו דעם שלאָפענדען דאָרף,
געזעהן האָב איך איבער די בוים־שפּיצען הענגען,
אַ געלע און גרויסע לבנה,
וואָס האָט מיך פון וויטען געהיט,
איך זאָל ניט פאַרראַטהען דעם סוד פון׳ם וואַלד...

.1912

בין השמשות

פאַרבאָרגענע פינגער בעדופטען דעם רוים,
א קוויקענדער באַלזאַם פון ערגעץ נעהמט רינען ;
געהיימע חלומות אין מערב׳ס גאַרדין,
פון זאַפּראַן און פורפור זיך שפּינען . . .

עס הויכט פון אונענדליכע וועלטען אַ ליעד,
און אייביגע שטילקייטען הויבען אָן ריידען ;
די ערד קוסט דעם הימעל און נאַכט קוסט דעם טאָג,
און גאָט פון זיין טהראָן קוסט זיי ביידען...

אַ נעבעל־טול וועבט זיך אַרוים פונ׳ם טייך,
און גרייזעלט זיך איבער פאַרשלאָפענע וועלען ;
דער וואַסער־פאַל פונקעלט מיט בלוטיגען גלאַנץ,
און שפּרינקעלט מיט רויטע קאָרעלען...

אויף זיידענע זאַנגען פאַלט זאַפטיג דער טהוי,
אין בלאַהליכע שאָטענס זיך הילען די טהאָלען,
און קענגען דעם פערל־קאָלירטען געוואַנד,
די בוים־שפּיצען שאַרפער זיך מאָלען...

די ווערבע הענגט מיעד איהרע צווייגען אַראָפּ,
און שלאָגט· אין גערויטעלטען וואַסער זיך אָפּ...
אַ קראָליק לויפט האַסטיג אַריבער דעם שטעג,
און שפּרינגט דורך די פעלדער אַוועק,
ביז ער שימערט פון ווייט ווי אַ פלעק,
און דאַן ווערט פאַרשוואונדען
אַהין, וואו אַ בראַנד
האָט דעם ראַנד
פון דעם הימעל געצונדען . . .

פון איהר פליסיגער יאַגד,
פול געפּאַקט,
אַ פאַרשפּעטיגטע ביען קעהרט זיך אום,
מיט אַ שוואַכען געזום,
צו איהר רוה,
און כאַפּט אויף איהר גאַנג
וואו־ניט־וואו,
נאָך אַ לעצטען געטראַנק . . .

אַ פּיפּס און אַ פלאַטער —
און דאַן ווערט אַלץ שטום...
אַנ׳אָטהעם אַ מאַטער,
פרעסט אויס פון די פלאַנצען,
דעם גאַנצען
געבליבענעם רעשט פון פאַרפום . . .

אָ, זאָג,
יענע פראַכט —
איז עס טאָג,
איז עס נאַכט ? . . .

ס׳איז דער חן
פון פאַרגעהן,
ס׳איז דער טויט, וואָס איז שעהן...
ס׳איז דער גייסט,
וואָס זיך ווייזט
ווען דער קערפּער צופאַלט . . .
ס׳איז אַ טאָן, וועלכער שאַלט,
ווען יעדע מוזיק איז פאַרקלונגען . . .
ס׳איז דאָס האַרץ פון דער וועלט,
וואָס זיין תהום איבערקווועלט,
און איז ביז אַרויף צו די שטערען געדרונגען . . .

ס׳איז ניט טאָג,
ס׳איז ניט נאַכט —
עס איז עפּעס וואָס שמאַכט...
ס׳איז אַ קלאָג,
און אַ שלוכצען פאַרשטיקט...
ס׳איז אַ גאָט ביז צו וועהטאָג ענטציקט . . .
ס׳איז אַ פרייד,
וועלכע וויינט
שטילערהייד . . .
ס׳איז די לוסט און די פּיין,

ס'איז די נאַכט און דער שיין,
וועלכע זיינען פאַראייניט,
און געוואָרען
פון פּאָארען
איז יעדע בעשעהנט . . .

ס'איז אַ שלאָף
און אַ וואַך־זיין צוזאַמען,
ס'איז אַ סוף
און אַן אָנהויב פון ווערען —
אַ לעשען פון פלאַמען,
און אַ צינדען פון שטערען . . .

ס'איז אַ לויב און אַ דאַנק,
און עס איז אַ בעגעהרען . . .
עס איז אַ געזאַנג,
און אַ האָרכען און הערען . . .

ס'איז אַ וועל,
וועלכער האָט זיך צוגאָסען,
און שימערט און שוימט . . .
ס'איז אַ זעעל,
וועלכע האָט זיך פאַרשלאָסען,
און טרויערט און טרוימט . . .

.1911

דער שטיין

אום זומער, אין פעלד
בין איך איינמאָל געגאַנגען...
געפּיפּסט און געטרעלט
האָט אַרום מיר אַ וועלט
פול געזאַנגען.
און רוהיג געהאַנגען
דעם הימעל'ס לאַזור
איז פון ברעג ביז צום ברעג,
אָהן אַן איינציגער שפור
פון אַ שטרייף אָדער אַ פלעק...

דער ווינד,
אַזוי לינד,
ווי דער קום פון אַ קינד,
האָט מיט בשמים געבלאָזען...
און איבער די קעפּ
פון די זיידענע גראָזען,
און רונצלענדיג טרעפּ
אין דעם העלען געוועב
— פון די זוניגע זאַנגען

דאָ גרין,
דאָ בורשטין,
און דאָ גאָלדיג און געל —
איז אַריבערגעגאַנגען
אַ וועל נאָך אַ וועל...

און פרעמד, ווי געפאַנגען,
און קעגען זיין ווילען,
געקייט
צו דער פרייד,
און דעם מונטערען שפּילען
פון זומער אַרום —
געלעגען אַליין,
איז אַ שטיין...
אַזוי פינסטער און שטום
ווי דער טויט;
אַזוי בלינד, ווי די נויט;
אַזוי האַרט, אַזוי קאַלט,
ווי דעם שיקזאַל'ס געוואַלט —
אַזוי אייביג און אַלט...

און מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז דער פראָסטיגער פעלז,
מיט דעם ראָסטיגען פעלץ,
האָט אַ האַרץ,
וואָס איז שוואַרץ,
ווי דעם אשמדאי'ס מאַכט...

און ער גלאָצט
מיט דעם האַס
פון אַ ווילדען וואַמפּיר...
און ער טראָצט
און מאַכט שפּאַס
פון די בלומען און מיר,
און פון אַלצדינג, וואָס שפּראָצט,
און פון איטליכען שטראַהל...
און די קוואַל
פון זיין גאַל
און זיין פינסטערען שפּאָט,
איז אַ סוד,
וואָס ער האָט
אין זיין בוזעם פאַרמאַכט,
און ער ד ו י ם און ער לאַכט...

.1913

הערבסט־מאָטיוו

איך בין אויף טויטע בלעטער
בײַ נאַכט אין וואַלד געגאַנגען,
דורך הוילע צווייגען האָבען
געזיפּט זיך זילבער־זאַנגען:
די שטילקייט פון די שטראַהלען,
איז אין מיין ברוסט געפאַלען...

כ'האָב ביז צום טייך געוואַנדערט,
און האָב געזעהן די פונקען
פון שטאַרען שטומען הימעל,
אין טויטען טייך זיך טונקען...
איך האָב פאַרטייטשט די שטערען:
הער אויף דיין קליין בעגעהרען...

דער ווינד האָט לייכט געבויגען
די געלע וואַסער־שטענגלעך,
און עמיץ האָט געשעפּטשעט:
דער פריהלינג איז פאַרגענגליך,
ס'פאַרגעהט דעם אָסיען'ס טרויער —
ניט האָף און ניט בעדויער...

איך בין אויף טויטע בלעטער,
פון וואַלד צוריקגעגאַנגען,
דער טהוי אין קאַלטע פּערעל
איז אויפ'ן גראָז געהאַנגען:
די רוה פון וואַלד און וועגען,
איז אויף מיין זעעל געלעגען...

.1911

שנעע

דער רוים ווערט פאַרשטומט . . .

פון גראָען פאַרגליווערטען אויר,
אַנ׳איינציג קליין שנעעלע קומט,
און קריגט באַלד אַ חבר,
אוןביידע זיך דרעהען
פּאַמעלעך אַראָפּ,
און פאַלען אין צווייען
אַרויף, אויף אַ קאָפּ
פון אַ נאַקעטען בוים,
ביי דעם זוים
פון אַנ׳איינזאַמען פעלד...
ניט מעהר ווי אַ קוים ווערט
דערלאַנגט אין דער שטיל,
צי אפשר אַ גרוס־וואָרט
געמורמעלט, אויב פיעל...
דאַן שטאַרבען זיי שנעל און צוגעהען,
דען דאָס איז דער גורל פון ערשטלינגען־שנעען —
ניט לאָזען קיין זכר פון זיך אויף דער וועלט...

דערנאָך ווערט עס דיק און געדיכט...
אין לופט דאָס געזעמעל פערמעהרט זיך,
און לאַנגזאַם אַ שיכט נאָך אַ שיכט,
בעט אוים און צושפרייט אויף דער ערד זיך...
ביז איטליכער קוסט ווערט בעקליידט
און יעטוועדער בוים ווי אַ בר־מנן שטעהט,
און דאָס בלאָליכע אַייז
פונ׳ם טייך,
ווערט גלייך
ווי בעפעלצט מיט אַ פוטער פון ווייס...
און וועגען און שטעגען פאַרשווינדען פון לאַנד,
בעליילעכט אין זעלביגען לייכטען געוואַנד,
בעדעקט פון דעם שנעע־קעניג׳ס פאָלע...

דאָך האַסטיג ברעכט אוים אַ בהלה —
שוין פייפט עס און ברומט עס און בילט...
די לופט ווערט געפילט
מיט פלאַנטערס און ווייסע געמישען,
ביז צווישען
דער ערד און דער הימעל,
זיך ווירבעלט און וויכערט אַ ווילדעס געווימעל,
און ס׳וואָיעט די וויסטע ממשלה
פון שדים און גייסטער —
דער שטורם איז מייסטער...
ער רייסט זיינע קייטען אַראָפּ פונ׳ם האַלז,
און געהט מיט׳ן שנעע אויף דער פרעירי אַ וואַלץ,
און אַלץ
קעהרט ער איבער,

דער אײלענדער גבור...
דאָ בעזעמט ער גריבער,
דאָ בויט ער פּאַלאַצען און טורעמס,
אין האַסטיג־פאַנטאַסטישע פורעמס
און מויערט גיגאַנטישע שטיבער...
און באַלד אין אַ וואַהנזין־געשלידער,
זיך קרײזט ער און דרעהט זיך און פלעכט זיך,
און יאָמערט און סווישטשעט און צויבערט,
און שופעלט און שאַרט און צושויבערט,
ביז איטליכער בנין צוברעכט זיך,
און פאַלט אין אַ הויפען אַנידער,
צי ווערט אין די וואָלקענס געהויבען,
אין פוכיגע שטיקלעך און שטויבען...

און שוין איז דער ווירבעל צופלויגען...
פערצויגען
מיט לעבליכען ליכט,
ליעגט דער לאַנדשאַפט'ס געזיכט,
און דימענטען גלאַנצען אויף פעלדער אָהן פלעקען,
און ס'הויכט איבער ווייסע און ענדלאָזע שטרעקען
דער פראָסט,
ביז ער לאָזט
אַ הייטעל פון זילבער אויף זיי...

און דאָס איז דער שנעע —
אַזוי לויטער און ריין,
אַז ס'האַרץ טהוט אײך וועה,
איהם צו טרעטען ביים געהן...
.1910

שנעע־רוה

איך האָב זיך דערוואַרט
אויף דעם ווינטער'ם געשאַנק...
און אָהן איִיל, אָהן געטימעל,
און אויר'דיג־צאַרט,
ווי געפליגעלטע קליינצינקע פעען,
פליהט און פליהט פונ'ם הימעל,
דער ערשטער געדראַנג
פון געפרענזעלטע שנעען...
לאַנג און לאַנג
ציהט די מחנה און ציהט,
זינקט און זינקט,
ווי צום טאַקט פון אַ ליעד,
וועלכעס עמיצער זינגט,
און איך ווייס ניט אַ וואו...
און אַצונדער וועט קומען די רוה
פון די ווייסע פאַרגליווערטע טעג,
אָהן אַ גראָז, אָהן אַ פאַרב, אָהן אַ פלעק...
און פון נאַכטיגע פראַכטיגע שטונדען,
ווען שטערען
אין הימעל, זיך מעהרען
אָהן צאָהל,

און פּאַר איטליכען פונק וואָס ווערט אויבען
געצונדען.
ציַנדט זיך אָן,
אַ מיליאָן
העלע פונקען אין טהאָל...

בעהאַלטען
אין קאַלטען
געגעה
פון דעם שנעע,
וועלען ליעגען אין טויט אָדער שלומער,
די טרוקענע טרוימען פון זומער...
און אָנקומען וועט
נאַך דעם שפּראָצענדען ציטערען,
נאָך די תמוז־געוויטערען,
נאָך דעם אָסיען׳ם געשפּעט —
אַ רוהיגער פראָסט און אַ שימער אַ שטומער,
דערוויַיטערט פון פרייד און געלייטערט פון קומער...

אָ, דו שנעאיגע קוויקונג,
ווי גרים איך דיך געדען !...
אין שטאַרען און שווערען
מאָמענט פון בעדריקונג,
ווען גרויזאַם דער ווינד האָט געריסען,
אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט —
ווי ער וואָלט פון דער פליקונג,
אַ תענוג אַ זיסען
געהאַט —

ווי געהאַרט האָב איך דאַן און בעגעהרט,
דו זאָלסט קומען דיין צודעק פאַרשפרייטען,
און טייטען
דעם טויט־קאַמפף פון דר'ערד...

ווייסע שטילקייט, אַ דאַנק !
פאַרשלים אין דיין פראָסטיגען שראַנק,
טייך און באַך,
און פאַרמאַך
איטליך שפּעלטעל דורך וואַנען איך קען,
דעם מינדעסטען צאַפּעל פון לעבען נאָך זעהן...

ווייסע שטילקייט, פאַרפראָהרענע רוה,
דעק עס צו, דעק עס צו...

.1912

שנעע־לעגענדע

עס שנעעט...
שטילערהייד
פון דערויסען זיך טוליען
און קלעפּען צום פענסטער,
געקרייזעלטע פליטערלעך שעהנע,
און אינוועניג הוליען
און האָבען אַ יום־טוב די קליינע,
און דריקען די קעפּ צו די שויבען...
און איינער, דער קלענסטער,
איז גרייט
מיט אַן אויסרוף פון פרייד : —
„עס פליקען מלאכים
די פליגלען פון ווייסינקע טויבען..."

איך נעהם דעם פיער־יאָהריגען חכם
צו זיך אויפ'ן שויס,
און קוס זיינע לאָקען און זאָג : —
דו האָסט ניט געטראָפען...

די שעהנע און שטילע מלאכים
בעווייזען זיך בלויז,
ווען ס'פינקלען די פּיצינקע שטערען,
און ווערען אַנטשלאָפען
ווען ס'הויבט אָן צו גראָען דער טאָג...
אָט א י ך, זעהסטו, קען שוין
די זאַך דיר פיעל בעסער ערקלערען.
דער שנעע איז אַ חלק
פון הימעל אַליין,
וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו די מענשען,
און קומט יעדען בוים־שטאַם און שטיין,
מיט זיין מאַנטעל צו בענשען,
און מאַכען פאַר'יום־טוב'ט און הייליג...

מיט פאַרוואונדערטע אויגען קוקט אָן מיך דאָס קינד,
און ווייטער מיין ווייסע לעגענדע זיך שפּינט : —

ס'האָט זיך טעג נאָכאַנאַנד,
אין אַ וואָלקען־געוואַנד
דער הימעל בעדעקט,
און טעגליך דעם וואַלד האָט ער טרויריג געפרעגט :
„איז דיר נאָך אַ בלאַט
פון דעם זומער געבליבען ?"
ביז דער וואַלד האָט איהם אָפּגעזיפצט מאַט :
„איך האָב נעכטען אָן איינציגס געהאַט,
האָט היינט עס דער שטורם פאַרטריבען..."

דאַן האָבען די שטיקער
פון וואָלקען, זיך דיקער
צוזאַמענגעשלידערט,
און טיעף צו דער ערד האָט דער הימעל גענידערט,
און פול מיט רחמנות צום פעלד זיך געווענדט:
„איז ערגעץ דיין בוזעם בעבלומט צי בעגראָזט?"
און דאָס פעלד האָט מיט אומעט געזאָגט:
„כ'האָב אַ לעצטע מוזינקע פאַרמאָגט,
„איז געקומען בעגינען דער פראָסט,
„און ער האָט זי פאַרלענדט..."

און געווען איז דער הימעל בעטריבט,
דען ע ר האָט פון תמיד געטריי
די בוימען און לאָנקעס געליעבט,
און ס'איז אַזוי וויט נאָך געוועזען צו מאַי...
אַ גאַנצע פאַרכמאַרעטע נאַכט,
האָט דער טרויריגער הימעל,
געטרוימט אין זיין דרימעל
פון זייער פאַרשוואונדענער פראַכט,
און אויף מאָרגען געטראַכט און געטראַכט,
ביז ע ר האָט שטאט ז י י
זיך אינגאַנצען צובליהט...
און איטליכער שנעע,
וועלכער פליהט
אין דער לופטען אַצונד,
איז אַן אַקאָרשט געעפענטעס בלימעל...

און אַזוי וועט עס פאַלען אַ שטונד
אָדער צוויי,
ביז נאָך הונדערט מאָל שעהנער ווי זומער,
וועט ווערען די לאַנדשאַפט בעקליידט,
און ליעגען אויף דר'ערד וועט אַ פרומער
און ליכטיגער, ציכטיגער הימעל פאַרשפרייט...

.1911

ווינטער

איך הויך פון די שויבען די קווייטען אַרונטער,
אונ קוק אויפ'ן טהאָל־לאַנד אַרוים: —
אַ קעגען אַ פראָסטיגער זילבער־לבנה,
זיך גרייזעלט דער רויך פון אַ הויז...

עס סקריפעט אַ טריט אויף דעם איינזאַמען פעלד־וועג...
עס טונקעלט אין שנעע אַ געשטאַלט...
אונ איבער דער פרעירי פאַנאַנדערגעצויגען,
אַ שאָטען אַ בלאָליכער פאַלט...

דאָך פינזעלט פון ס'ניי שוין דער פראָסט אויף די שויבען...
איך בלייב אין דער פינסטער און טראַכט,
פון בלאָליכע שאטענס, און שנעאיגע וועלדער.
און זילבער־בעגאָסענער נאַכט...

.1911

פארנאכט

רויז־רויט איז דער הימעל,
דונקעל ווערט די וועלט...
וואַלד און פֿעלד אַנטשוויגען...
אין דער ברוסט אַ נגון
זים פאַראומערט טרעלט...

ווייטע וועלטען ווערען
נאָהענט צו דער זעעל...
טויטע ליפּען הויכען,
אַלטע בילדער טויכען
פון אַ נעבעל־וועל...

.1912

אויפ'ן שליטען

דער הימעל פול שטערען, די פעלדער פול שנעע,
מיר ביידע און ענדלאָזע רוימען —
די גלעקעלעך קלינגען, דאָס שליטעלע לויפט:
מיר פאָהרען אין לאַנד פון די טרוימען...

דריק־צו זיך, מיין זיסע, די פערד יאָגען גיך,
מיר האָבען ניט לאַנג מעהר צו רייזען —
באַלד וועט זיך מיט זיבעציג טהורעמס פאַר אונז,
דער פאַלאַץ פון צויבער בעווייזען...

אַט זעהסט, יענע הויכע, וואָס שטעהען ביים וועג,
בעפאַנצערט מיט זילבערנע פליטער,
די קעפּ מיט קריסטאַלענע קיווערס בעדעקט? —
דאָס זיינען פון פאַלאַץ די היטער...

זיי וואַכען בייטאָג און זיי וואַכען ביינאַכט,
און לאָזען צום שלאָס ניט דערגרייכען,
און ווער עס וויל קומען צופאָהרען אַהין,
מוז געבען די שומרים אַ צייכען...

איצט גיב מיר די הענטלעך און שווער מיר, אַז דו
וועסט נאָכטהאָן מיין צויבער און שווייגען —
מיר האָט אַ מכשף דעם צייכען געציייגט,
און איך וועל עס ד י ר איצטער צייגען :

„אַ קוס אויף די ליפען, אַ קוס אויפ'ן האַלז,
„און דאַן אויף די אויגען אַ דריטען..."
דער צייכען, מיין זיסע, איז ריכטיג געמאַכט,
באַלד אָפּשטעלען וועט זיך דער שליטען...

דער פּאַלאַץ וועט פינקלען מיט טויזענדער ליכט,
און הילכען פון טענץ און געזאַנגען,
דער גרייז־גראָער קעניג אַליין וועט אַרויס,
און אונז מיט אַ שמייכעל עמפּפאַנגען...

ער וועט אונז פאַרבעטען אַריינגעהן אין שלאָס,
און פּעען אונז וועלען בעדיענען,
אויף פינקלענדע טעלער, דאָרט וועלען מיר אַלץ,
וואָס אונז וועט געלוסטען, געפינען...

און ווען אונזער מאָהלצייט געענדיגט וועט זיין,
פאַרזוכט אַלע שפּייז און געטראַנקען —
צום אנדענק וועט געבען דער צויבערפירסט אונז
צוויי טהייערע דימענט־געשאַנקען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער הימעל פול שטערען, די פעלדער פול שנעע,
מיר ביידע און ענדלאָזע רוימען —
דאָס שליטעלע קלינגט, און דאָס האַרץ אין מיר זינגט :
מיר פאָהרען אין לאַנד פון די טרוימען...

.1912

געזאַנגען און זיפצען

קום צו מיר

.1

קום צו מיר אין דעם דונקעלסטען ווינקעל פון סאָד,
וואו די זילבערנע נעץ פון דער נאַכט קען ניט פאַנגען,
אַן איינציגען פונק פון מיין גליהענדען סוד,
ווען ד י ר וועט מיין יוגענד בעלאַנגען...

קום צו מיר וואו דער שמאַכטענדער קאַרשענבוים שנעעט
צו די גראָזען אַרונטער, זיין צודעק דעם ווייסען,
און אין רויזענקנאָספּ לעכצט די געזעפטיגטע קוויט,
איהר פעסטונג פאַנאַנדערצורייסען...

קום צו מיר אין דער שטילער און ווירציגער נאַכט,
ווי דער קוויקענדער טהוי קומט אויף בלומען און זאַנגען,
קום צו מיר ווי דער רעגען, ווען פעלדער פאַרשמאַכט,
דעם טראַנק פון דעם הימעל פאַרלאַנגען...

קום געליעבטער, און קום מיר אין האַרצען אַריין,
דעם הימעל מיט טויזענדער שטערען צוזאַמען,
פאַרשלאָסען מיין אויג און מיין אויער וועט זיין,
און מיין הערץ וועט זיך באָדען אין פלאַמען...

2

מיט רויזען בעשפרייט, און מיט דופטען בעשפרענקעלט,
האָב איך דעם מ ז ב ח, מיין זיססטער,
קום נעהם מיך און קלעם מיך מיט מעכטיגע ארעמס,
דו ליעבליכער, גרויזאַמער פריסטער...

וועסט טרינקען דעם רויט־הייסען וויין פון מיין יוגענד,
דאָס הייליגסטע רייכטהום מיר רויבען,
און איך וועל זיך הענגען צו דיר אויפ'ן נאַקען,
און קוסען ענטציקט דיך, און גלויבען...

און ווערסטו פאַרלאָזען מיך, וועל איך זיך ריהמען,
אַז ד ו האָסט געוועהלט מיך אַלס קרבן,
אַז ד ו האָסט צוערשט דיינע אונטרייע ליפען,
מיט בלוט פון מיין האַרצען געפארבען...

3.

כ'האָב געוואַכט און געקוקט אויף דיין פּנים,
אין רוהיגען שלומער פאַרזונקען,
כ'האָב דורך דיינע פאַרשלאָסענע ברעמען,
דעם גלאַנץ פון די אויגען געטרונקען...

כ'האָב געוואַכט און געהאָרכט צו דיין אָטהעם,
געהערט ווי דיין האַרץ האָט געשלאָגען;
כ'האָב געזעהן אויף די שלאָפענדע ליפּען,
אַ גליקליכען שמייכעל זיך טראָגען...

און אַן אומעט אויף מיר איז געפאַלען —
כ'בין איינזאַם און עלענד געוועזען...
כ'האָב אומזיסט אויף דיין רוהיגען שטערען,
געזוכט דיינע טרוימען צו לעזען...

ווער געוועלטיגט אויף דיר אין דיין חלום,
און ווען דאָרט שווערסטו צו ליעבען?
האָסטו מ י ך אויף אַ צווייטער פאַרביטען,
צי ביסטו געטריי מיר געבליעבען?

כ'האָב געוואַכט און געקוקט אויף דיין פּנים,
געגלעט אויף מיין שוים דיינע לאָקען,
כ'האָב געקוסט דיינע שלאָפענדע ליפּען,
און מיך האָט דיין שמייכעל געשראָקען...

1912.

ווי געוואונשען

דיר האָבען די געטער געשאָנקען אַ גוף,
געמאַכט פאַר געגוס און פאַר פריידען,
און מ י ר אַ נשמה פון צאַרטעסטען דופט —
מיר טאָרען זיך ביידע נים שיידען...

און האָבען מיר ליפען צוזאַמענגעקלעפּט,
און ווען צו מיין האַרצען איך ציה דיך,
דאַן קוועלען די געטער פון שמחה און לוסט:
עס איז אַ געלונגענער שידוך...

1911.

ביים טאַנץ

מיר האָבען צום טאַקט פון דער וואַלץ־מעלאָדי,
גענשוועבט אין אַ מענשענגעשליעדער,
איך האָב אויף מיין נאַקען דיין גלוט־הויך געפיהלט,
געשפירט דיינע בויגיגע גליעדער...

— וואו די געשטאַלטען ? וואו איז דער זאַאַל ? —
מיר דאַכט זיך, זיי אַלע פאַרשווינדען,
און איך בלויז און דו, צו איינאַנדער געפּרעסט,
זיך טונקען אין לעבליכע אינדען...

מיר שווימען און וויגען זיך אום אויף אַ ים,
בעשפּרינקעלט פון לאַכענדע וואַלען;
אַט הויבען מיר אויף זיך, און לאַכען פון פרייד,
אַט זינקען מיר תהום'ווערטס און פאַלען...

— וואו די געשטאַלטען ? — וואו איז דער זאַאַל ?—
איך זעה ניט קיין שפור מעהר פון קיינעם...
נאָר דו און נאָר איך, ליפּ געזיגעלט צו ליפּ,
און גליעדער פאַרפלאָכטען אין איינעם...

.1911

קייטען

1.

איך האָב פון דיינע ליפּען
דיין האַרץ אַרויסגעזויגען,
איך האָב דיר די נשמה,
אַרויסגעקוקט פון ד'אויגען...
און וואו דו וועסט איצט וואַנדערן,
ליעב־האַרציג קינד, זיי וויסען : —
דו וועסט פון דיין נשמה
זיין אייביג אָפּגעריסען...

איך האָב דיך פעסט פאַרפלאָכטען,
מיט שטריק פון לוסט געקניפּטע,
איך האָב מיט טויזענד רינגען
דיך אָנגעקייט, געליעבטע...
און וועסטו זיך בעפרייען,
קען איך פאָראויס דיר זאָגען : —
וועסט ביז'ן טויט די צייכענס
פון מיינע קייטען טראָגען...

.2

וועסט קוסען פרעמדע ליפּען,
און וועסט אָן מיינע דענקען,
וועסט אין אַ צווייטען׳ס ארעמס,
אָן מיין אומאַרמונג בענקען...

און וועט דיך עמיץ צערטלען,
דאַן וועסטו ד׳אויגען שליסען,
און אין געהיים דעם פיעבער
פון מיינע הענד געניסען...

און וועט דיר עמיץ ליעבע
מיט הייסער שפּראַך ערקלערען,
דאַן וועלען פון די ברעמען,
דיר טריפען שטילע טהרערען...

ע ר וועט די טראָפּענס שלינגען,
און זיך מיט שטאָלץ בעקריינען,
דאָך ד ו וועסט אין דער אמת,
דיין טויטען טרוים בעוויינען...

.1911

א טויטע רויז

אַרויסגעפאַלען פון אַ בוך
איז מיר אין שויס,
אַ זכר פון אַ יוגענד־טרוים —
אַ טויטע רויז...

כ'האָב ביי דעם בוך געפרעגט: ווי קומט
אַהער די בלום? —
די שורות זיינען שטיל געוועז,
דער עבר — שטום...

אויף איינעם פון די בלעטלעך איז
אַ פלעק געוועז...
ס'האָט עמיצער געוויינט אַמאָל,
דאָך וואו? און ווען?...

איך האָב די טויטע רויז געקוסט,
געקוסט די טהרער...
ס'האָט עמיצער געליעבט אַמאָל,
דאָך ועמען? ווער?...

1912.

די שטילע

כ׳האָב הייסע ליפּען פּיעל, געזויגען,
איך האָב פון שוואַרצע ים׳ען אויגען
געטרונקען פריידען און געטרונקען סם׳ען...
און גיפט און גליק צוזאַמען,
שוין זיינען לאַנג אַוועקגעפלויגען...

נאָר איינע, אַ געשטאַלט אַ שטילע,
וואָס האָט אין יוגענד׳ם ברען, אפילו
ניט צוגעצויגען מיינע בליקען —
קומט איצט אין טרוים מיך קוויקען,
און מורמעלט איבער מיר אַ תפלה...

.1913

דער טאַליסמאַן

איך טראָג אין מיין האַרצען פאַרזיגעלט
א וואונדער־קמיע — דיין בילד...
דו האָסט מיך פון לילית'עס טעכטער
בעשירעמט אַזוי ווי אַ שילד...

איך טראָג אויף די פינגער בעפעסטיגט
אַ רינג מיט דיין נאָמען בעקריצט,
און בין פון דעם שטן'ס פאַרפיהרונג,
אַזוי ווי דורך צויבער בעשיצט...

דאָך געהט מיר די שמחה ניט אַיין גאָר —
איך ציטער פאַר ד י י ן טאַליסמאַן...
קיין שוץ קענען ד י ך איז אין ערגעץ
אויף הימעל און ערד ניט פאַראַן...

.1912

אויפ'ן פעלז

קום זעץ זיך אויפ'ן פעלז מיט מיר,
באַלד וועט די באַרג־נאַכט קומען,
און פילען וועט דער הימעל זיך
מיט שימערענדע בלומען...

און יעדעס בלאַט וואָס רוישט אַרום,
צו אונז אַליין וועט ריידען ;
און יעדער פונק וואָס גליהט אין גראָז,
וועט צינדען זיסע פריידען...

און יעדער שטראָם וואָס גלאַנצט אין ליכט,
פאַר אונז אַליין וועט פליסען ;
און יעדער טרעל וואָס קנאַלט פון וואַלד,
אונז וועט פאַרטרויט געריסען...

קום זעץ זיך אויפ'ן פעלז מיט מיר,
קוק טיעף מיר אין די אויגען...
אַנטפלעקען וועל איך זיך פאַר דיר,
ניט מיד, ניט שוואַך געבויגען,

ניט ווי איך בין אין טהאָל געווען...
נאָר שטאַרק, מיט מעכטיגע פאַרלאַנגען,
מיט שוימענדיגע טרוימען פול,
מיט זומענדע געזאַנגען...

מיט לוסט־פאַנטאַנען אין דער ברוסט,
מיט שטאָלץ וואָס טראָגט די שטערען,
מיט מוטה וואָס לאַכט פון טויט, און גלויבט
אין ש ט ר ע ב ע ן און אין ו ו ע ר ע ן...

קום זעץ זיך אויפ'ן פעלז מיט מיר,
איצט זאָלסטו מיך דערקענען,
איצט וועט מיין גאַנצע פלאַמענוועלט
זיך דרייסט פאַנאַנדערברענען...

.1911

אָהן דיר

אַ רגע האָט זיך מיר געדאַכט: —
דו ביסט אַלס לופט־געשטאַלט, פון ווייטע ספערען,
געקומען טהיילען מיין טריאומף,
און האָסט געבענשט דעם לאָרבער אויף מיין שטערן...

איך האָב געפיהלט אַ ווייכען הויך,
געהערט דאָס רוישען פון אַ גייסטער־פליגעל,
און אויף דעם פנים מיינעם האָט
אַ נעבעל ליב געפרעסט איהר זאַנפטען זיגעל...

דאָך שנעל צופלאָסען איז דאָס בילד,
און פון אַ תוהו האָט אַ שטים געדרונגען: —
„לעבט ערגעץ־וואו דער פויגעל־טרעל,
„וואָס האָט אַמאָל דעם זומער־וואַלד פאַרקלונגען?...

„לעבט ערגעץ־וואו דער זונענשטראַהל,
„וואָס האָט דיין קאָפּ מיט גאָלד בעשפונען נעכטען?"

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאַן האָב איך פון די האָאר געפליקט,
דעם פוסטען פויץ פון קראַנץ און בלומען־פלעכטען,

און קנאָספּ פאַר קנאָספּ, און בלאַט פאַר בלאַט,
מיט שטאַרער וואוטה געזעהן האָב איך פאַרוויאַנען,
און שטום אין האַרצען ווידערהאָלט:
בלויז איין רעפרען:—„דו ביסט ניט מעהר פאַראַנען"...

.1911

בענקעניס

1.

דאָס זעלביגע פעלד און דער זעלביגער שטעג,
דאָס זעלביגע שושקען און זומען,
עס ריהרט זיך אַ טרוים, און עס וועקט זיך אַ ליעד,
אַ ליעבע געשטאַלט פלאַטערט דורכ'ן געמיטה,
און שפּרינקעלט אין האַרצען פאַרפומען...

דאָס זעלביגע פעלד און דער זעלביגער שטעג,
מיר גלוסט זיך אַ קאָרן־בלום נעהמען...
זי פּאַסט אַזוי שעהן צו אַ ווייסען געוואַנד...
איך פליק זי אַראָפּ, און איך האַלט זי אין האַנד,
און... געבען זי האָב איך ניט וועמען...

.2

איך געה דורך די בייטען, איך קען זיי פון לאַנג,
כ׳ווייס איטליכען ווינקעל און ערטעל...
ווי אָפט דורכ׳ן טאָג און ווי אָפט ביי דער נאַכט,
מיט לוסטיגען האַרצען שפּאַצירען געמאַכט
האָב איך אין דעם טהייערען גערטעל...

רעזעדאַס און רויזען און טולפּען, און מאָהן
מיט קליינינקע רויטע גאַרדינען...
איך ציה דעם גערוך און איך זוך רונד אַרום,
איך קוק אין דעם בעכער פון איטליכער בלום,
און וויל אַ בעקאַנטע געפינען...

די רויזען און טולפּען זיי קוקען מיך אָן:
„דאָס מיין איך געווים זייער באָבען",
און חוצפּה׳דיג חוזק׳ט אַ גליהענדער מאָהן:
„מיר זיינען פון ה י י ־ י אָ ה ר, וואָס געהען אונז אָן
„די טויטע וואָס דו האָסט בעגראָבען?"...

.1913

קעניג אדער שקלאף?

בין איך דער זיעגער, צי בעזיעגט? —
איך קען עס ניט ענטשיידען:
איין שטאַרקער כשוף־באַנד פאַרשטריקט
מיט גלייכער מאַכט אונזביידען...

מיין לאַסטשען דיך, מיין בעטען זיס,
איז שטאַרקער פון בעפעהלען,
און ווען דו קניהסט מיר צו די פיס,
זוך א י ך דיר צו געפעלען...

איך בין אַ מלך אויף דער קייט,
אַ קנעכט מיט קעניג־מינע,
און דו — אַ שקלאַפין וואָס בעשטעהט
אַז זי איז קייסערינע...

1911.

דער בלייבער זיעגער

געוואַקסען איז אַמאָל אַ קנאָספּ
פאַרשלאָסען,
אומזיסט האָט זיך דער זונענגלאַנץ
צוגאָסען...

אומזיסט זי האָט דעם מיטאָג'ס גלוט
געמינטערט,
איהר דופטיג הערץ האָט ווי אין שנעע
געווינטערט...

אומזיסט בלויז האָט דער ווינד, אַ נאַכט
פאַרשוועגדעט,
זי האָט פון איהם איהר בשמים־קאָפּ
געווענדעט...

דאַן האָט דער בלאַסער מאָרגען זי
געפונען...
און שמאַכטענדיג, זיין טהוי־טהרער איז
גערונען...

און זעה... די שטאָלצע האָט ניט מעהר
גערהיט זיך: —
ז'האָט קוסענדיג דעם בּלייכענ'ס טהרער,
צובליהט זיך...

.1911

דערקענט

איך האָב זיך אין איהר בליק גע׳טובל׳ט,
און זיך געלייטערט ריין,
און שעהנער איז מיין זעעל געוואָרען,
ווען כ׳האָב געזאָגט : „ביסט שעהן״...

דאָך זי האָט אַזוי פרעמד געשמייכעלט —
האַלב פרוי און האַלב אַ קינד . . .
זי האָט געקרייזעלט מיינע לאָקען
און שטיל געזאָגט : „ביסט בלינד״...

און ווען איך האָב מיט פרומע ליפּען
געקושט איהר מאַנטעלס ברעג,
אַ ווילדע איז זי אויפגעשפּרונגען :
„דו מוזט פון מיר אַוועק...

„מיין לייב איז שנעע, מיין בלוט איז לאַווא,
„מיין ליעבע ווי דער ווינד...״
און כ׳בין פון שרעק צוריקגעפאַלען :
איך האָב דערקענט — די ז י נ ד . . .

.1911

וואס דו האסט ניט געקריגען

האָסט מיינע ליעדער מיר גערויבט,
מיט דיינע אויסגעלאָס'נע חן'ען,
דען כ'האָב דיין לאַכען און דיין וויינען,
דיין שמייכעל און דיין טהרער געגלויבט,
און פלעג זיי זינגענדיג בעשעהנען...

דאָך איינס אָן איינציגס איז אין נעסט
פון מיינע ליעדער מיר געבליבען,
און קיינמאָל האָט מיין שקלאַפיש ליעבען,
מיין לעצטע סטראָפע אויסגעפּרעסט,
ווען איך האָב בלומען דיר געקליבען...

און סס'ען וועט דיין יאַגד פון לוסט,
ווען דו וועסט זוכען נייע זיעגען,
די קרענקונג — אַז דעם שעהנסטען נגון
וואָס האָט געשלומערט אין מיין ברוסט —
איהם האָסטו קיינמאָל ניט געקריגען...

און וואַקסען וועט דאָס פראַכט־געזאַנג,
און זאַמלען יאָהרען־לאַנג פאַרפומען,
און וואָס די ז י נ ד האָט נ י ט בעקומען,
וועט א ו נ ש ו ל ד קריגען צום געשאַנק
מיט פולער האַנד, ווען זי וועט קומען...

.1912

מיין ווענוס

כ'האָב דורך יאָהרען געזוכט
(ווי עס זוכט יעדער איינער אין יוגענד)
אויף אַלערליי וועגען אַ ווענוס,
און תמיד די פרוכט
פון מיין זוכען געווען איז,
אַזוינס וואָס מיך האָט ניט בעגנוגענט...
און זאָגען אַ פריינד פלעגט מיר טעגליך:
דו זוכסט וואָס איז קיינמאָל ניט מעגליך,
דען גלייך מיט דער רויז ווערט געבאָרען,
איהר צווילינג — דער מיאוס'ער דאָרן...

און איך האָב געפייניגט זיך לאַנג,
ביז מיר איז אַריין א געדאַנק
און האָט מיר געוויזען דעם וועג: —
כ'האָב געטראַכט אָן די טעג,
ווען אַליין אין אונענדליכע רוימען,
געווען איז דער בורא בעטריבט,
פאַרלאָרען אין קנוילען פון טרוימען,
צו קיינעם פון זיי ניט געקניפט,

און זיין הערץ פלעגט אַ קומער בעקלעמען,
ווייל ער האָט ניט קיינעם געליעבט,
ניט האָבענדיג וואָס אָדער וועמען...
דאַן האָט ער אַ חלום פאַרגליווערט,
און האָט עס גערופען „די וועלט“...
ער האָט זי מיט הימלען בעקיווערט,
און האָט זי מיט שטערען בעהעלט,
און זי איז געוואָרען זיין פרייד...
און ער האָט פון תענוג געלאַכט,
און געוואוסט האָט ער דאַך שטילערהייד,
אַז ער האָט אַליין זי געמאַכט,
און זי האָט ממילא געמוזט
זיין דאָס, וואָס זיין האַרץ האָט געלוסט...

דאַן בין איך דערגאַנגען דעם סוד,
אַז גליקליך דאַרום איז אַ גאָט,
ווייל אַלץ וואָס ער ליעבט און ער האַסט,
איז דאָס וואָס זיין מוח פאַרפאַסט,
און האָבען פאַר איהם קען אַ האַפט,
בלויז דאָס, וואָס זיין דמיון בעשאַפט...

און איך האָב פון הוילע פאַרלאַנגען
געמייסטערט אַ כשוף־געשטאַלט,
און אַלץ וואָס מיין אויג האָט געפאַנגען,
אין לעבען, אין בילד און געזאַנגען,
דאָס האָב איך געשאָנקען איהר באַלד,
ביז זי האָט פון איטליכער פאַלד,
אַ רעגען פון שעהנהייט געשטראַהלט...

און זיינט דאַן יעדען טאָג,
זיך פאַרבוק איך און זאָג: —
אָ, שעהנסטע פון פרויען, כ'בין גערען דיין שקלאַף,
דען דו ביסט מיין גאָט און צוגלייך מיין בעשאַף...

.1912

בעגעגענים

צוויי בליקען זיך האָבען בעגעגענט,
אונ זיינען געוואָרען פאַרקנאַסט;
צוויי בליקען אָהן ווערטער, צוזעגענט
אויף אייביג זיך האָבען אין האַסט...

און יענעם מאָמענט האָט אַ סטרונע
אויף תמיד געפּלאַצט אין זיין ברוסט...
און זי איז געוועזען אַן עגונה,
און האָט ניט „נאָך וועמען", געוואוסט...

.1913

זובענדיג

די נייע נבואה

„און צו מיר האט זיך א ווארט
פער׳גנב׳עט און מיין אויער האט
עפּעס פון איהם פארנומען“.
(איוב ד׳ י״ב).

...אַזוי האָב איך איהם אין מיין דמיון געמאָלט...
אַזוי האָט געקלונגען זיין שטימע פאַר מיר,
ווען איך האָב אין דונקעלע שטונדען געוואַרט
פון אימיצען׳ס ליפען צו הערען דאָס וואָרט,
וואָס איך האָב אין ז י ך ניט געפינען געקענט...
ווען איך האָב מיט אימעצענ׳ס פ אַ ר ט י ג ע ן גלויבען
מיין אייגענע ליידיגקייט פילען געזוכט,
און האָב מיט דעם רייכטהום פון פ ר ע מ ד ע,
מיין פּראָסטיגע וויסטקייט בעפלאַנצען געוועלט...
און רונד און אַרום מיר געזעהן האָב איך פיעל
אַזעלכע ווי איך... און אַ שמאַכטענדער בליק
האָט אַ שמאַכטענדען צ ו ו י י ט ע ן בעגעגענט,
און פוסטקייט אין פוסטקייט געשפּיגעלט זיך האָט...

און דאָן אין מיין דמיון אַרוים איז זיין בילד : —
אַ הויכער, אַ מעכטיגער איז ער געשטאַנען
אויף ערגעץ אַ זייל, צי אַ פעלז, צי אַ באַרג —

דער יורש פון טויזענד פאַרשוואונדענע יובלות,
די לעצט־רייפע שפּראָצונג פון דורות אָהן שיעור,
די תמצית ־ געשטאַלט פון גלגולים אָהן צאָהל...
און פון זיינע אויגען געקוואָלען האָט רוה,
ווי שיין פון לבנה אויף פעלדער פון אַייז...
און אַזוי האָט געקלונגען זיין שטים,
צו מיר און צו ז י י : —

„און מעהר וועט פאַר אַייך זיך קיין הימעל ניט שפּאַלטען,
„קיין גאָט וועט זיך מעהר ניט אַנטפּלעקען פאַר אַייך,
„אין וואונק פון אַן אויג, מיט אַ דונער־און־בליץ,
„און וואונדער־געשאַפענע תורות אַייך שענקען...
„און ס׳וועט קיין פּראָפעט ניט מעהר פאַסטען פאַר אַייך
„אויף איינזאַמע באַרג־שפּיצען טעג נאָכאַנאַנד,
„און לוחות אַייך קריצען מיט וואונדיגע הענד,
„און דאַן אין דער טהאָל־וועלט אַרונטער צו אַייך,
„און העלע און ליכטיגע ווערטער אַייך געבען,
„זיין האַרץ־בלוט אין איטליכען בוכשטאַב פון זיי —
„אום אַייך, אין די צווישען מינוטען פון פרייד,
„אין ליידיגען רוים פון געגוס ביז גענוס,
„אַ רגע פון צווייפעל, אַ שאָטען פון שרעק,
„אַן איינציגען פלאַטער פון טויט׳ס וויסטע פליגלען,
„אַ פריהרענדען הויך פון פערצווייפלונג, צו שפּאָרען...

„און ס׳וועט ניט קיין פייער־זייל געהן מעהר פאַר אַייך,
„און טייטען די שלאַנגען און באַהנען דעם וועג,
„וואָס איהר וועט אַ גלייכען, אַ גלאַטען געפינען,
„און פיהלען זיך זיכער געפיהרט פון פּראָפעט...

„אין שלאָפלאָזע נעכט, יעדער איינער פאַר זיך,
„זיך וועלצען אויף אײַער געלעגער וועט איהר
„מיט פיברישע אויגען און קראַנק־רויטע ברעמען,
„פון ספק'ס ניין־קעפיגע שלאַנגען געביסען...
„און וויסען וועט איהר, יעדער איינער פון אײַך,
„אַז איהר מוזט די לוחות זיך האַקען אַליין,
„און מוזט אָהן אַ פיהרער די הימלען דערקלעטערן,
„און מוזט אָהן אַ פונק אין די אָפּגרונדען נידערן,
„און נעהמען און געבען אַ תורה אַליין...

„און קיינעם'ס וואָרט וועט ניט אײַך שטיצען דעם מוטה,
„דען אומעטום וועט איהר אַן עכאָ בלויז הערען
„פון אײַער געשריי: דעם קרעכץ פון אַ פוסטער נשמה...

„און דאַן, ווען פון אייגענע פינסטערע תהום'ען
„נאָך וואָכען, נאָך יאָהרען פון שווערען זיך־ראַנגלען,
„אַ מאַט־העלער פלעק, דאַן אַ שיין, דאַן אַ ליכט,
„אַרויסטאָגען וועט פון דעם פעך־האָריזאָנט —
„און איהר וועט דערשפירען אַ זים־זאַנפטע זאַפט,
„וואָס זאַפט דורך'ן מח און שטאַרקט אײַער האַרץ,
„און לויטערט דעם זינן און פעריונגט דעם געדאַנק —
„דאַן זאָלט איהר פון אײַערע לענדען דאָס זאַק־קלייד
„אַראָפּטהאָן, און אויפשטעהן געבאָרען פון ס'ניי...
„דען איהר האָט אַנטפּלעקט אײַער גאָט,
„אײַער אייגענעם איינציגען גאָט..."

.1911

פאַר גאָט'ס מזבח

מיר זיינען ביי דעם שייד־וועג זיך צוגאַנגען:
אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט,
דעם נזיר'ס שרעק פאַר יוגענד'ס ערשטע דראַנגען,
און האַרץ און אויער האָט ער פעסט פאַררינעלט,
פאַר אַלע פריידען און פאַרלאַנגען —
ווען א י ך, פון לעבענסלוסט בעפליגעלט,
געיאָגט זיך האָב פון פעלד צו פעלד,
נאָך בלומען און נאָך שמעטערלינגען...

און פלעגט אַמאָל, ווי פון אַ דונקלער וועלט,
אין מיטען פון מיין לאַכען און מיין זינגען,
צו מיר אַן עכאָ פון זיין תפלה דרינגען —
האָט פון מיין אויג אַ טהרער אַרויסגעקוועלט,
און כ'האָב בעטרויערט זיין פאַרשווענדעט לעבען —
געראַבט פון דר'ערד, דעם הימעל אָפּצוגעבען...

דאָך ווען ביי מיר אין האַנד געבליבען זיינען
נאָר הויפענס פון פאַרוועלקטע בלומען,
און אַלע זונען האָבען אויפגעהערט צו שיינען —
מיט בושה בין איך צו זיין צעלט געקומען,

און פֿאַלענדיג אַ נכנע צו זיין שוועל,
געבעטען האָב איך : „שענק מיין זעעל
„אַ באַלזאַם־טראָפּען פון דיין שטילען גליק,
„דען איך האָב אַ ל צ ד י נ ג אָנגעוואָרען...״

געפאַלען רוהיג איז זיין בליק,
אויף מיין פֿאַרוויאַנעטען בוקעט,
און אָהן רחמנות און אָהן צאָרען,
זיין אורטהייל האָט ער שטיל אַרויסגערעדט :
„פֿאַרשפּעטיגט האָט זיך דיין געבעט...
„די קוויטען דיינע זיינען אויסגעשטאָרבען,
„פון יעדער הויכט דער טויטער אָסיען־ריח...
„און ווער ס׳קומט ד אַ, מוז ברינגען צום מזבח,
„זיין ע ר ש ט ל י נ ג ־ ב ל י ה ו נ ג פֿאַר אַ קרבן...״

.1912

בלאנדזשענדיג

איך האָב געבלאָנדזשעט אין דער נאַכט
אויף ווילדע וועגען ;
מיין פוס איז קראַנק פון געהן געווען,
מיין האַרץ — פון פרעגען...

און מיר אַנטקעגען אין דער נאַכט
איז אָנגעקומען,
אַ וואַנדערער וואָס האָט ביים קלייד
מיך אָנגענומען,

און האָט געזאָגט : „איך זוך אַ שטעג,
„דו מוזט מיך פיהרען...״
זיין וואונש האָט הייסע בליי געטריפט
אויף מיין געהירן,

און כ׳האָב מיט שאַנד און וועה גערעדט :
„מיין יתום־ברודער,
„כ׳בין ווי אַ שיפעל אויף אַ תהום,
„אָהן ליכט, אָהן רודער...

„כ'האָב טויזענד וועגען אויספּרובירט
„און ניט געטראָפען,
„כ'האָב טויזענד טרוימען אויסגעטרוימט
„אין פאַלשען האָפען...

„דאָך קום, מיר וועלען וואַנקענדיג,
„צוזאַמען וואַנדערן,
„און איינעמ'ס האַנד וועט האַלטען פעסט
„די האַנד פון אַנדערן..."

ער האָט די פינגער קאַלט פון מיר
צוריקגעצויגען:
„מיר זיינען ביידע בלינד... וואָס וועט
„חברותא טויגען ?..."

ער האָט מיך איינזאַם שטעהן געלאָזט...
און אין מיין זינען
האָט דומפּ געהילכט: „דו מוזט דיין וועג
„אַ ל י י ן געפינען..."

1912.

א זיעג?

„און ווייסט איהר ווי כ'האָב זיי בעצוואונגען?

„איך בין ניט מיט קיווער און פאַנצער געקומען,
„מיט בליץ אין די בליקען און שטורעם אין שפּראַך,
„אַ קרוין און אַ פירסטליכען טהראָן צו פערלאַנגען,
„אין נאָמען פון מוטה און מיט פרעכהייט פון מאַכט...

„איך בין ניט קיין גבור מיט הערש־לוסט געוועזן...

„איך האָב ווי אַ זאַנג אין אַ רוישענדען ווייצפעלד,
„אין איינעם מיט צאָהללאָזע זאַנגען געוויגט זיך;
„איך בין ווי אַ זאַמד אין סאַהאַראַ געוועזען,
„וואָס ווערט אין אַ זאַמד־זייל אַמאָל צו דער ערד,
„און אַמאָל צו דעם הימעל געטריבען,
„און קיינער קען איהם ניט און ער זיך אַליין ניט
„פון גרויסען געדראַנג אונטערשיידען...

„האָב איך אויף מיין ווינציגקייט דאַמאָלס געקלאָגט?—

„כ'האָב געזאָגט: וואו אַ זונען־סיסטעם איז אַ פּונק,
„וואו אַ מילכ־וועג פון שטערען ניט מעהר ווי אַ שטראַהל,

„און אַ וועלטען־בעשאַפונג — אַ בליה פון אַ קוויט —
„ווער איז גרוים און ווער קליין ? ווער איז פיעל און
ווער וועניג ?

„דאָך האָב איך אַ קנויל פון חלומות געשפּונען,
„און רוים פאַר מיין שפּינדעל און וועבשטוהל בעדאַרפט...
„איך האָב מיינע פעדעם ניט שטרעקען געקענט,
„וואו עמיצער זאָל ניט מיין זיידוועדק צורייסען...
„דערצו, האָט מען מיר אַ לעגענדע פאַרטרויט,
„אַז ערגעץ אַ צייט און אַן אָרט איז פאַראַן,
„וואו עס קוועלט אַ געזאַנג ווי אַ בת־קול אַרוים,
„און איך האָב געגאַהרט און געלעכצט, יענע ריטהמען
„צו פאַנגען, און זיי אין מיין טרוים־טוך צו וועבען...

„דאַן בין איך אַוועק אין דער ווייט, אין דעם רוים...
„דאָרט האָב איך אַן איינזאַמען לײדיגען מדבר
„פאַר ז י ך אָהן אַן איינציגען שותף געהאַט,
„און דאָרטען געפונען דאָס וואונדער פון וואונדערס:—
„ס'האָט געקלונגען... פון וואַנען ? פון וועמען ? —
„האָט דער ווינד עס צו מיר בין השמשות געבראַכט,
„געוויקעלט אין זיינע בע'בשמים'טע פליגלען ?
„צי האָט עס בעגינען אַרונטערגעגליהט,
„פון מזרח'ס ערוואַכענדען פלאַמען־געזיכט ?
„צי האָט עס דער שטערען פון אבענד געטרעלט,
„ווען איך האָב זיין קיהלענדען שימער בעגריסט ?
„צי אפשר דער דונקעל־געטהורעמטער באַרג־שפּיץ,
„וואָס האָט ביז'ן הימעל דערנעהנטערט די ערד ?...

„כ'האָב געהאָרכט און געהאָרכט און איך האָב ניט
געוואוסט...

„נאָר איין מאָל, אין איינזאַמקייט'ס איינזאַמסטער שטונד,
„ווען מיין אויג האָט ניט ערד און ניט הימעל געזעהן,
„נאָר פאַרטונקט זיך אין זיך און אַרונטערגעגידערט
„אין אונטער־אוקינוס פון ו ו י ס ע ן און ז י י ן —
„האָט דער אָפּגרונד דעם סוד מיר אַנטפּלעקט: —
„ס'איז מיין א י י ג ע נ ע ש ט י מ ע געוועזן...

„אַצונד האָט מיין קול אין דער וויסטע אַרויס,
„און אַרויף צו די לויטערע הימלען, געיאַוויבצט,
„און געטראַכט האָב איך נאָר אָן מיין נייער געבורט —
„אָן מיין אייגענער גרויסער דערלייזונג...

„איז מיין שטים אַזוי הילכיג געוועזן? —
„זיי האָבען צו מיר אין דער מדבר געוואַנדערט,
„נאָך איין קאַראַוואַן איז אַ צווייטער געקומען...
„זיי האָבען אַ פירסטליכען מאַנטעל געבראַכט,
„און איבער מיין נאַקעטען שולטער געוואָרפען;
„זיי האָבען מיט אוילען מיין שטערען בעזאַלבט,
„און אין האַנד מיר אַ צעפּטער געדריקט,
„און געבעטען: „אַ פירסט זאָלסטו זיין צווישען אונז"...

„דאַן האָב איך מיין נזיר־גן־עדן פאַרלאָזען,
„און האָב אין מיין האַרצען אַ תפלה געשושקעט:
„מיין א י י ג ע נ ע שטים ניט פאַרלאָז מיך...

„און איך בין צוריק אין געזעמעל געוועזען,
„און גערעדט מיט דעם נייעם געפונענעם קול...
„און דערנאָך... פלעג איך וואַרטען און האָרכען, און האַרען
„צו הערען דעם אָפּרוף פון איטליכען ווינקעל...

„דאָך האַרענדיג, האָרכענדיג האָב איך פאַרשוועכט
„און פאַרשוואַכט דאָס געוואונענע וואונדער...
„כ'האָב געפרעגט : איז נאָך עמיצער דאָ,
„ביי וועלכען איך האָב ניט אַן עכאָ געוועקט ? —
„און פרעגענדיג האָב איך אַן ע כ אָ געטראַכט...

„און די שטים ?...

„ז'האָט געצאַנקט און געוואַנקט און געשטאַמעלט,
און דאַן —
„פאַרשוויגען געוואָרען...

— — — — — — — — — — — — — — —

„און איך בין מיט צעפּטער און קרוין —
„אַ שמשון אָהן לאָקען געבליבען...”

.1912

אַ תפלה

אַ גרויסער גאָט, דאָס לעבען איז
אַ וויסטער ים פון טהרערען,
מיר ווייסען ניט פון וועלכען תהום,
ניט וואו, געפיהרט מיר ווערען...
מיר שיפען זיך דורך נאַכט און נויטה —
זיי אונזער שטערען...

דער מענש איז גראָז, זיין האַרץ איז שפּריי,
געוווירבעלט פון פאַרלאַנגען ;
אַ פאַלשער טריט און שוין איז ער
צום גיהנום'ס שוועל פאַרגאַנגען —
בעוואַך זיין שוואַכע שטונד און לאָז
די נעץ ניט פאַנגען...

די וועלטען שווינדען ווי דער טהוי,
און דורות גלייך ווי שטויבען,
מיר וואַנדערען אויף קברים אום,
און ס'גלאָצט דער טויט פון אויבען —
אַ גאָט, צוריים דאָס חשך־טוך,
שענק ליכט און גלויבען...

ווייז אין דעם טויט דאָס לעבען אונז,
אין פוילען — דאָס געבערען,
אין קורצען איצט — די אייביגקייט,
אין שאָלעכץ־בייט — דעם קערן,
און אין דער בלינדער וויסטעניי,
דיין טריט לאָז הערען...

.1911

א זעהונג

איך האָב איהם ערגעץ וואו געזעהן —
איך וויים ניט וואו און וויים ניט ווען.

און תמיד ווען מיין הארץ איז קראַנק,
שווימט ער אַרוים מיר אין געדאַנק.

זיין אויג איז מילד, זיין בליק איז העל —
ער לעזט דעם וועהטאָג פון מיין זעעל.

זיין וואָרט פאַלט ווייך ווי מאָרגענטהוי,
איך שלינג עס איין און גלויב און טרוי.

זיין ווילען איז ווי פעלזען פעסט,
זיין הארץ איז ווי אַ וואַר'מער נעסט.

ער גלעט מיך או ער זאָגט : „דו ביזט
„אַ לאם וואָס בלאָנדזשעט אין דער וויסט...

„דער וועג איז שווער און דו ביזט מיעד,
„דאָך איך בין שטאַרק און נעהם דיך מיט..."

ער פיהרט מיך און איך פרעג ניט וואו,
דען וואו ער געהט, געהט מיט די רוה...

און כ'פאָלג איהם וואָס און ווי ער הייסט,
דען וואָס ער זאָגט איז ליכט און טרייסט...

— — — — — — — — — — — — — —

איך האָב איהם ערגעץ וואו געזעהן —
איך וויים ניט וואו און וויים ניט ווען...

1912.

צוויי־איינקייט

ס'האָט איינער חלומות געשפּונען,
און איינער — פּאַר נאַריש געפּונען.
איך האָב אין זיי ביידען,
מיין אייגענע שטים געהערט ריידען...

ס'האָט איינער געהאָפּט און געפרעהט זיך,
און איינער — צו־וויינט שטילערהייד זיך.
כ'האָב אין האַרצען געלעזען : —
איך בין אין זיי ביידען געוועזען...

ס'האָט איינער געשאַפען אַ גאָט זיך,
און איינער — צוגאָסען אין שפּאָט זיך.
איך בין ווי דורך וואונדער,
געוועזען אין יעדען בעזונדער...

ס'האָט איינער מיט ליעבע געקוויקט זיך,
און איינער — פון שנאה געשטיקט זיך.
געלעגען בעהאַלטען
בין א י ך אין די ביידע געשטאַלטען...

.1912

לעבּען...

אַ וואונק
פון דער אייביגקייט'ס אויגען...
אַ פונק
צו דעם פייער געצויגען...
אַ שפּריץ
וועלכער לעכצט נאָך דעם ברונען...
אַ בליץ
פון פאַרגעהענדע זונען...

דער ענטפער

כ׳האָב אין אַ שפאַלט פון טויטע פעלזען,
געזעהן אַ דאַרען יתום־קוסט:
„ווי קאַלט איז דאָ, ווי פוסט איז דאָ!
„פאַרוואָרפענער, וואָס טהוסטו דאָ?...”
זיין ענטפער האָט פאַרקלעמט מיין ברוסט: —
כ׳וויל ל ע ב ע ן...”

כ׳האָב אויף דער הייסער הוילער וויסטע,
געזעהן אַ גראָע קלאַפער־שלאַנג: —
„פאַרשאָלטענע, וואָס קריכסטו דאָ?
„וואָס נוצסטו און פאַרריכסטו דאָ?”
איהר ענטפער ליגט מיר אין געדאַנק: —
כ׳וויל ל ע ב ע ן...”

איך האָב אין מיטען פון אַ זאַמד־וועג
אַ קליין מוראַשקע־נעסט געזעהן:
„אָ, שוצלאָזע, וואָס בויסטו דאָ,
„אויף וועלכען צופאַל טרויסטו דאָ?”
דער ענטפער איז אַ שלוכץ געווען: —
כ׳וויל ל ע ב ע ן...”

.1912

אין דער נידער

די פּיס פאַרוואונדעט פון דעם דערנער־וועג,
צום הויכען באַרג אַרויפגעקלעטערט האָב איך...
כ׳האָב מיינע אויערען פאַרזיגעלט פעסט
פאַר דעם געטומעל פון די טהאָלען אונטען...
און אויף דעם שפּיץ, אַ וואו דער אָדלער שפּרייט
אין בלאָען עטהער, פריי די שטאַרקע פליגלען —
געזוכט איהם האָב איך, איהם וואָס האָט פון וויט
געשימערט ווי דער העלער צפון־שטערען,
און מיט זיין שטראַהל מיין וועג געצייכענט,
און קראַפט און גלויבען מיר אַריינגעטריפט...

דאָ — האָט מיין האַרץ צו מיר געזאָגט —
וועהט ריין אַראָפּ דעם הימעל׳ס אָטהעם,
און ציכטיג גלאַנצט דער אונבעפלעקטער שנעע...
דאָ, אונטער פראָסט און אייז פאַרהוילען,
שלאָגט יענע סודות־פולע קוואַל,
פון וועלכער ע ר טרינקט מאַכט און רוהיגקייט..

נאָך פעסטער האָב איך ד'אויערען פאַרדריקט,
און קעהרענדיג די אויגען צו דעם שטומען
לאַזורנעם אָפּגרונד איבער מיר,
געשוואָרען האָב איך נאָך אַמאָל, צו מעקען
דאָס טהאָל־געמורמעל פון מיין זינען...
פון ד אָ ר ט ע ן, פון יענעם אָפּגרונד איבער מיר,
געזאָלט האָט באַלד די שריפט אַרונטערגליהען,
וואָס כ'האָב ביז איצט אין יעדען וואָרט זיינעם
געזעהן זיך שפּיגלענדיג...

גערופען האָב איך : „לעהרער,
„איך בין צו דיר אַנטלאָפען פונ'ם טהאָל...
„און רייניג דו מיין אויער, איך זאָל הערען
„ווי דו, די שטימע פון דעם הויכען גאָט..."

און מיר אַנטקעגען איז אַ גרייז געקומען...
ער האָט מיך שטום געפיהרט צום ראַנד
פון יענעם פעלז, אַ וואו איך בין געשטאַנען,
ער האָט אָהן ווערטער אויסגעשטרעקט די האַנד,
אַראָפּ צום טומעלדיגען טהאָל...
און דאַן, האָט ע ר, דער נזיר פון די באַרג־שפּיצען,
געזאָגט צו מיר : —

„איך שאַרף דאָס אויער יעדען טאָג,
„און הארך צום עכאָ פון דעם לעבען א ו נ ט ע ן..."

„און פון דעם תהום אין דר'הויך ?" —

„דער תהום איז פוסט"... —
געוועזען איז זיין ענטפער קאַלט און רוהיג —
„דאָרט אין דער נ י ד ע ר, קלאַפּט דאָס האַרץ
„פון יענעם גאָט, וואָס ד ו ווילסט ז ע ה ן..."

.1913

דער אבן־טוב

אין בערג פון קוויט, אין טיעפע זומפּען אָהן אַן ענד,
געזוכט אַ דימענט האָט ער און זיין קראַפט פאַרשווענדט;
געבויגען זיך פון שווערען זוכען האָט זיין קאַרק,
און ער האָט אַלץ געזיפּט, געזיפּט דעם גרויסען באַרג,
און זיינע פינגער שוואַרץ געמאַכט אין זומפּען־לעהם...
און ווען געוואונקען איהם שוין האָט דעם קבר'ם היים,
דאַן האָט ער זיך צום ערשטען מאָל מיט פּיין דערוואוסט,
אַז יענער אבן־טוב וואָס איהם האָט זיך געגלוסט,
געלעגען איז די גאַנצע צייט — ביי איהם אין ברוסט...

1913.

דאס שענסטע ליעד

פערפלאָסען זיינען יאָהרען פיעל, פון יענער צייט,
ווען איך האָב מיינע ערשטע טרוימען, אַיינגערוימט
אין דיין געטרייען אויער, און מיט ליעבע ד ו
האָסט מיינע שוואַכע שפּראָצונגען, מיר פון דער ברוסט
אַרויסגעקוסט, און גריסענדיג די פריהע קוויט,
פון מיין ערוואַכענדער און ציטערענדער זעעל,
ערמוטהיגט האָסטו זי און איבער איהר געוואַכט...

און יענע הייליג־זיסע שטונד — געדענקסטו זי ?...
געלעגען זיינען מיר אין שמעקעדיגען גראָז,
בעשאָטענט פון אַ ברייט־פאַרצווייגטען בוים, געלעהנט
איין קאָפּ צום צווייטען, אַיינגעשלאָסען רונד אַרום,
פון הויכע זאַנגען־ווענד, אין אבענד'ם לעצטען הויך
זיך קוים בעוועגענדיג... די דעמערונג איז שטיל
געפאַלען אויפ'ן לאַנד, און מיך און דיך געלאָזט,
פאַרטרינקען זעעל אין זעעל, פאַרשטריקען גייסט
מיט גייסט...
טיעף האָסטו דאַמאָלס מיר אין אויג אַריינגעקוקט,

און טיעף אַריינגעבליקט אין מיין פאַרבאָרג'נעם נעסט,
וואו יונגע זעהונגען אָהן פליגלען, האָבען זיך
געטוליעט, וואַרטענדיג אויף דער געבורט פון וואָרט...

אויף א י י ן מאָמענט, פאַרשוואונדען איז דער זונענשטראַהל,
וואָס האָט צו מיר געשמייכעלט שטענדיג פון דיין בליק,
און טרויריג — צערטלענדיג און וואָרנענדיג צוגלייך,
געזאָגט מיר האָסטו מיט אַ נביא'ס פעסטער שטים: —
„דאָס שענסטע ליעד זיינס מוז—אַליין דער דיכטער זיין..."

אין יוגענד'ס פרישער בייט, געשלאָגען וואָרצלען האָט
דיין וואָרט־זאָמען, און אַיינגעשטעמפּעלט אויף מיין זינן
געבליבען איז די טיעפע וואָרנונג פון דיין מויל...
און עדות זאָגען זאָלען יענע שוואַרצע טעג,
ווען, טריף־ווייז בלוטענדיג, דעם קבר'ס פינסטערנים,
בעגריסט וואָלט איך ווי זיסען שיין, ווי הימעל'ס גנאָד —
און עדות זאָגען זאָלען יענע שווערע נעכט,
וואָס האָבען ווי אַ גיהנום־אייביגקייט
פון טויטען אָהן אַ שיעור, געצויגען זיך פאַר מיר —
ווי כ'האָב געטרוימט, ווי כ'האָב געלעכצט נאָך יענעם ליעד...

דאָך גאָט !... ווי האָבען גייסטער, בייזע גרויזאַמע,
געצויגען און געפליקט מיין לעבען הין און הער,
און גראָער טאָג פאַר טאָג, און מיאוס'ער געמאַכט,
ביז אויפגעקנוילט, און קרימענדיג פון עקעל זיך,
געלעגען הילפלאָז איז מיין גייסט, און צוגעהערט,

ווי שדים־שפּאָט, דיין שטימע ווידערהאַלענדיג: —
„דאָס שענסטע ליעד זיינס מוז—אַליין דער דיכטער זיין...״

און ווען איך האָב בעגעגענט דיך, נאָך יאָהרען פיעל,
אַנטלאָפען בין איך, ווי אַ זינדיגער אַנטלויפט,
דען דיינע אויגען האָבען שטומערהייד געמאָהנט
דאָס ליעד... און א י ך ? וואָס האָב איך געבען דיר
געקאָנט...

.1913

געטרוימט און געטראַכט

דעם פאָלק׳ס אָפּגאָט

(פראַגמענט)

א גרויסער מדבר־רוים. פון ביידע זייטען רייהען און רייהען פון געצעלטען. אין מיטען א גרויסער המון פון מענער און פרויען לוסטיג ליארמענדיג און זיך בעוועגענדיג. אין סאמע צענטער איז אויפגעשטעלט דאס גאלדען קאלב. נעבען דעם קאלב שטעהט אהרן אנגעטהאן אין פריסטער־קליידער. ער איז בלייך און פארטראכט און קוקט פון צייט צו צייט צו דעם בארג סיני וואס זעהט זיך אין הינטערגרונד. פון דעם המון געהען אלע ווייל ארויס פרויען און מענער און בוקען זיך צום גאלדענעם קאלב.

א ה ר ן :

(שטרעקט אויס זיין האַלז פלוצלינג אין דער ריכטונג פון באַרג, שוידערט צוזאַמען און קרעכצט אַרויס :)

משה...

(דער המון ווערט שטיל. אלע קוקען געשפאנט צום בארג אויף וועלכען עם בעווייזט זיך משה, טראגענדיג די לוחות,

און ארונטערשטייגענדיג צום טהאָל. אַלע וואַרטען ביז ער דערנעהנטערט זיך. דאַן טהיילען זיי זיך פאַנאַנדער און מאַכען פאַר איהם אַ וועג דורכצוגעהן).

מ ש ה :

גאָט׳ס פריסטער, וואָס בעדייט דער גאָלד׳נער געץ? —

א ה ר ן :

(מיט געבויגטען קאָפּ)

דאָס פאָלק, פון אונגעדולד געריי‍צט,
געפּייניגט פון אַ שוואַרצער אַנגסט,
האָט ניט געוואָלט מעהר וואַרטען אויף דיין קומען,
און האָט פון מיר אַ גאָט פאַרלאַנגט...

ש ט י מ ע ן :

אַ גאָט וואָס זאָל אונז פיהרען אין דער וויסטעניי...

מ ש ה :

אַ גאָט געשאַפען אויף ב ע ש ט ע ל ו נ ג...

א ה ר ן :

זיי האָבען פון דעם ערשטען מאָרגענשפּראָץ
ביז שפּעט ביי נאַכט דעם באַרג בעלעגערט...
שוין פערציג מאָל האָט אויף דעם סיני׳ס שפּיץ,
די מאָרגענרויטקייט זיך צושפּיעלט,

און פערציג מאָל האָט הינטער יענעם פעלז,
די גרויסע זונן אַראָפּגענידערט,
זינט דו ביזט פונ'ם אויג פאַרשוואונדען...
און אַלע הערצער האָט דער צווייפעל
גענאָגט מיט שאַרפע שלאַנגען־ביסען,
און אין די נעכט פלעגט דורך דעם מדבר קלאָגען,
אַ יאָמער פון די טויזענדער געצעלטען:
„דער נביא וועט זיך מעהר ניט ווייזען"...

ש ט י מ ע ן:

„און אייביג וועלען מיר אין מדבר וואַנדערן..."

מ ש ה:

(צו אהרן)

און ד ו? ...

א ה ר ן:

איך האָב אַרום, געזעהן מיריאַדען
פון גליהענדע געזיכטער, שמאַכטענדיג נאָך גאָט,
און האָב געהאָרכט דעם דראַנג פון ששים רבוא...

מ ש ה:

און וואַרטען לענגער האָסטו ניט געקענט...

ש ט י מ ע ן:

מיר האָבען לענגער וואַרטען ניט געקענט...

מ ש ה :

אָהן וואַרטען און אָהן פּיין,
האָסט דו פאַר זיי אין א י י ן מאָמענט,
אַ גאָט אַרויסברינגען געוועלט ?...

א ה ר ן :

דער וואונש איז אַזוי שטאַרק געווען אין פאָלק,
אַז אָ ה ן מיר איז ער שוין געווען ערפילט...
כ'האָב בלויז אַ וואָרט, האַלב ווילענדיג,
געלאָזען פון די ליפּען פאַלען,
און שנעל פון העלזער, אויערען און ארעמס,
גערעגענט האָבען צירונגען און שמוק...
דער קאַרגסטער האָט געוועלט דער ערשטער זיין,
זיין גאַנץ פאַרמעגען מיר אַוועקצושענקען...
דער אָרעמסטער האָט זיין גע'ירש'ט רינגעל,
אַראָפּגעריסען פון זיין פינגער
און מיר געוואָרפען צו די פיס,
און אַלע שטימען האָבען זיך צונויפגעגאָסען,
אין איין געוואַלדיגען קאַסקאַד פון קולות :
בעשאַף פאַר אונז אַ גאָט...

מ ש ה :

און דו ? . . .

א ה ר ן :

איך בין געשטאַנען ביי דער פלאַם,
און האָב געזעהן דאָס גאָלד צושמעלצען...

דאָס שפּריצען פון דעם קאָכיגען מעטאַל,
דאָס קנאַקען פונ'ם פייער און די טומלעריי
פון מאַסען, שכור מיט דער לוסט פון גלויבען,
געהאַלטען האָבען מיך אין כשוף־צוואַנג...
און דאַן בין איך מיט שרעק צוריקגעשפּרונגען:
אַרויסגעטויכט האָט פון דער געלער שמעלצונג,
אַ גרויסע אָפּגערונדעטע געשטאַלט —
אַ גאָלדען קאַלב — און אַלע, א י ך מיט זיי,
געפאַלען זיינען אויף די קניע פאַר איהם,
און זיך געבויגען פאַר אַ ג אָ ט,
געשאַפען פונ'ם פ אָ ל ק אַ ל י י ן...

מ ש ה :

...אין אַ מינוט ווען זייער ש ר ע ק,
האָט זייער ג ע ל ד ־ ל ו ס ט איבערשטיגען...

א ה ר ן :

...ווען מעהר נאָך ווי דאָס הייסע גאָלד,
געוועזען זיינען אַלע הערצער דורכגעגליהט...

מ ש ה :

דאָס גאָלד ווערט קאַלט, די הערצער — אויך...

א ה ר ן :

דאָך ווען דער גאָט איז איינמאָל שוין געשאַפען?...

מ ש ה :

אַ גאָט אין א י י ן מאָמענט געבאָרען,
שטאַרבט אין דעם צווייטען אָפּ...
און ווען די הרף־עין־פלאַם,
וואָס פלאַקערט אויף אין א י י ן ברוסט,
אין ט ו י ז ע נ ד אָדער אין מיליאָנען ברוסטען,
זאָל יעדעס מאָל איהר גאָט בעשאַפען —
וואָלט ווי דער מדבר־זאַמד געווען די צאָהל
פון געצען און פון אָפּגעטער...

א ה ר ן :

האָב איך אַ קראַטער׳ם שטראָם געזאָלט
בעפעהלען ער זאָל ווארטען ?...

מ ש ה :

מיין אונגליקליכער ברודער ! ..
כ׳האָב יאָהרען לאַנג געקוקט צום בלאָען הימעל,
געוואַנדערט אויף די וויסטע פעלזען,
אַריינגעקוקט אין טיעפע שלוכטען,
געצעהלט די שטערען יעדע נאַכט,
און בלוט פלעגט פון מיין האַרצען רינען
ווען איך פלעג פרעגען — פרעגען נאָכאַנאַנד :
„מיין גאָט, וואו ביזטו ?...
„מיין גאָט, איך וויל דיך זעהן !...״
און ווען ס׳האָט קיינער נ י ט בעוויזען זיך,
האָב איך מיין שמערץ פאַרשלונגען,
און האָב געגלויבט און ג ע ו ו א ר ט . . .

און האָט זיך מיר אַמאָל אַ נעבעל־זעהונג
געוויזען, מיינע צווייפלען צו פאַרטרייבען,
און מיינע ארעמס האָבען זיך געשטרעקט
זי צו מיין ברוסט צו דריקען,
און גריסען זי אַלס מיין בעפרייאונג,
און רופען זי „מיין גאָט", „מיין הילף" —
האָב איך מיט לעצטע כחות זיך געקרעמפּפט,
און האָב ג ע װ ו אַ ר ט . . . געוואַרט ביז זי
איז ווידער פון מיין אויג פאַרשוואונדען..
און כ'האָב געוואוסט אַז זי איז בלויז
אַ חלום־בילד געווען,
אַ טרייסט פון אויגענבליק... און כ'האָב ג ע װ ו אַ ר ט...

א ה ר ן :

(דעמיטהיג)

דאָס פאָלק איז אָבער ניט געבענשט,
מיט דעם פּראָפעט'ס מתנה פון געדולד...

מ ש ה :

און ס'פאָלק קען זיך אַ ל י י ן ק י י ן ג אָ ט נ י ט
ג ע ב ע ן . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

1912

פעניקס

דער לעצטער ראַקעט איז אין אַויר פאַרגאַנגען,
און שפּאַטיש און קאַלט איז דער הימעל געהאַנגען,
און האָט אַייך צו מאָל ניט אַ שטערען פאַרגונען,
צום זכר פון אַייערע פלאַמענדע זונען,
וואָס איהר האָט מיט פלוצלינגע וועהען געבאָרען,
און האָט אין אַ פלוצלינגען יאוש פאַרלאָרען...

ס'האָט געשאַלט און פאַרקלונגען דער צו־פריהער רעש,
ס'האָט געגליהט און פאַרגליהט און געבליבען איז אַש —
אַ הויפען אַ ווייסער, אַ קאַלטער, אַ שטומער,
דער אָפּשיין פון אַייער פאַרגליווערטען קומער,
דער שפּיגעל פון אַייער פאַרצווייפלונג און טרויער...

און איצט שטעלט אין רייה זיך, איהר קעמפּפער און בויער,
און קיינער פון אַייך זאָל ניט וויינען אַ טהרער,
און זאָל אונזער ה י י ל י ג ע אַ ש ניט פאַרפלעקען...
דען איצט וועט פאַר אַייך זיך אַ וואונדער אַנטפּלעקען,
און קיינער פון אַייך זאָל פאַרצווייפלען ניט מעהר : —

אַהן רעש, און אַהן שפּריצענדע פונקען און פייער,
אַרויס פון דער אַש וועט אַ רוהיגער, פרייער,
בעלעבטער, בעלעבענדער, קרעפטיגער גייסט,
וואָס האָט ניט דעם צוואַנג פון קיין קייטען געפיהלט,
און האָט ניט אין קנעכטשאַפט זיין כח פאַרשפּיעלט,
און ב ו י ט וואו ער געהט, און פ ל אַ נ צ ט וואו
ער שפּרייזט...

.1910

דער לעצטער

אַ, שוואַרצער תהום וואוהין עס ציהט מיין וועג,
ניט וואַנקען וועלען מיינע לעצטע טריט,
ניט בויגען זיך פאַרצווייפעלט וועט מיין קאָפּ,
ניט טרייסלען וועלען מיינע הענד,
ניט פאַלען וועט אויף מיין געמיטה
אַ שאָטען פון דיין תוהו־נאַכט —
ווען איך וועל צו דיין ראַנד זיך נעהנען...

מיין ליעד וועט שפּריצען ליכט־שטראַהלען,
מיין ליפּ וועט טריפען האָפענונג,
און שפּינען וועל איך פּרעכטיגע
חלומות פון מיין אייביגקייט —
ביי דיינע ברעגען שטעהענדיג,
אַ רגע איידער אין דיין שלונד
דו וועסט פאַרשלינגען מיך...

מיין פּום וועט הענגען איבער דיר,
און איך וועל פון פאַרניכטונג לאַכען...
דער גרויסער הימעל איבער מיר,

וועט ליכטיג אויסגעשטערנט זיין,
און פינקלען וועלען דאָרט,
פון דורות הונדערטער די אויגען,
אַרונטערקוקענדיג אויף מ י ר —
דעם יורש זייערען,
דעם לעצט־געבליבענעם...
און פאַלען וועט פון יעדען אויג
צו מיר אַריין, אַ פונק,
אַ הייסער און אַ ברענענדער...
פון טויזענדער מערטירער־הערצער,
אַ גלגול ווערען וועט מיין האַרץ,
און ריידען וועלען מיט מיין צונג,
מיליאָנען גלוטיג־גלויבענדע...
און איך וועל אַלע דורות,
און אַלע צייטען זיין...
דער עבר וועט פולסירען אין מיין בלוט,
און אין מיין ברוסט די צוקונפט וועט,
אין מעכטיגע פאַנטאַנען שלאָגען...

אָ, תהום, וואוהין עס ציהט מיין וואַנדער־וועג !
ניט א י י ן מינוט מיך וועט דיין שרעק פאַרשלאַפען...
מיט פרייען ווילען וועל איך ניט
קיין איינציגען מאָמענט פאָראוים דיר שענקען...
און מעגסטו זיך פאַר מיינע אויגען שפרייטען —
כ'פאַרלייקען דיך און שווער : דו ביסט נ י ט אָ...

אָ, אונטערגאַנג, וואָס וואַרט אויף מיר !...
כ'וועל אויף דיין שוועל זיך ריעזיג אויפשטעלען,

און זינגען מיין געזאַנג פון לעבען...
און שווימענדיג אין גסיסה־נעבעל,
וועט זעהן מיין האַלב־פאַרלאָש'נער בליק,
ניט ד י ך — נאָר מיינע צוקונפט וועלטען,
נאָר מיינע גרויסע טרוימען,
מיט פרייד־געשריי, מיט זיעג־מוזיק,
מיר קומענדיג אַנטקעגען...
און אויף די ליפּען מיינע, שטאַרבענדיג,
דאָס לעצטע וואָרט וועט זיין: —
„איך בין די א י י ב י ג ק י י ט,
„און וויים ניט פון קיין טויט..."
און אַלע דורות וואָס איך טראָג אין זיך,
דורך מיינע ליפּען וועלען זאָגען:
„מיר ווייסען ניט פון טויט..."

.1913

זיין גורל

ער איז געווען אַ קינד פון זונן,
פּאַר ליכט געשאַפפען;
ער איז געווען צוגלייך דער זוהן,
פון דורות שקלאַפּען...

ער האָט געלאַכט... זיי האָבען ניט
זיין פרייד פאַרגונען:
זיי האָבען שוואַרצע נעכט געבריהט,
און ער — בלויז זונען...

זיי האָבען פון דער תפיסה איהם
געשיקט אַ קללה...
איצט לאַכט זיין ליעד ניט מעהר — זיין שטים
איז אַ יללה...

.1911

הונגער

(אַ טרוים)

כ'האָב אַ פינסטערע מחנה פון מענשען אָהן צאָהל,
זיך ציהען און ציהען געזעהן אין אַ טהאָל,
פון אַלערליי פעלקער, פון נאָרד און פון זיד...
און אַלע געזיכטער געווען זיינען מיד,
און קראַנק האָבען אַלעמענ'ס אויגען געברענט...
די בגדים צוקאָדערט, קוים האָבען געקענט
פאַרדעקען די ריפען, פאַרטריקענט און געל...
און איבער דער לאַנגער מאַרשירענדער וועל,
אַזוי ווי אַ מורא'דיג־מעכטיגער ווינד,
געברויזט האָט אַ כאַאָס פון קולות אָהן שיעור...
מיט קרעכצען געמישט האָט זיך בילען פון הינד,
און שיפען פון שלענג — מיט דעם ברום פון אַ טהיער...

און האַסטיג פאָראויס, מיט אַ שווערד, האָט געשפּאַנט
פון ביינער צוזאַמענגעשטעלט אַ גיגאַנט...
משונה'דיג האָבען די קנאָכענס געקנאַלט,

און איך האָב דערקענט אין דער דאַרער געשטאַלט
דעם הונגער...

אונ שצירענדיג צייהנער גערעדט
האָט צום וויסטען געזעמעל אַרום, דער סקעלעט :—

„מיין שפּרוך איז אַ פלוך, און אַ טויט־קלייד מיין פאָהן,
„מיין מחנה — אַ הויפען פון ריפען,
„איך זאַמעל אַרמייען פון יעדער נאַציאָן,
„און קום די צושיידטע פאַרקניפען...“

און דאַן האָט געגעבען דער ריעז אַ סיגנאַל,
און ס'האָט זיך פאַרשלידערט אַ טאַנץ איבעראַל —
דער טאַנץ פונ'ם הונגער, דער טאַנץ פון דער נויטה,
דער ה אַ ס וואָס פאַראייניגט, די אחדות פון טויט...

.1913

דאָס ליעד און דער טויט

געוואָרט האָט דאָס ליעד און דער טויט האָט געיאָגט.
דאָס ליעד האָט מיט ביטערע שלוכצען געזאָגט : —

„כ'האָב יאָהרען אָהן מספר געוואָרט אויף זיין שטים,
„און כ'וועל נ י ט־ג ע ז ו נ ג ע ן פאַרבלייבען אָהן איהם...״

דער טויט האָט געלאַכט און געשצירעט די צייהן : —
„ג ע ז ו נ ג ע נ ע האָב איך געזעהן שוין פאַרגעהן...״

דאָס ליעד האָט געוויינט : „כ'בין די קרוין און די פראַכט
„פון אַלצדינג וואָס ער האָט געטרוימט און געטראַכט..״

דער טויט האָט געענטפערט: „דאָס שענסטע נעהם
א י ך...״
און ד'אויגען געשלאָסען דעם דיכטער אויף גיך...

.1912

אַ קעניג אויף אַ טאָג

דאָס פאָלק אָהן טאָלק האָט אַ קעניג געזוכט,
אוּן א י ה ם האָט דער צופאַל געבראַכט...
מיר האָבען צוזאַמען מיט זיי איהם געקרוינט,
אוּן חוזק בשתיקה געמאַכט...

זיי האָבען זיין פערד פאַר'ן צוימעל געפיהרט,
אוּן קנעכטיש געקניהט פאַר זיין מאַכט,
אוּן מ י ר, אין די אויגען איהם האָבען געלויבט,
אוּן טיעף אינ'ם הארצען פאראַכט...

דען איהם איז צו הערשען געוועזען בעשערט,
ניט מעהר ווי אַ טאָג אוּן אַ נאַכט,
אוּן מיר האָבען אַלע געוואוסט פון'ם סוד,
אוּן האָבען דעריבער געלאַכט . . .

1912.

האַס

דער אשמדאי האָט פון זיין אויג אַרויסגעבליצט,
און וויטריאָל־רייד האָבען פון זיין צונג געשפריצט: —

„איך זאָל ניט האַסען מעהר?... דאָך ווער האָט מיר
געשענקט
„דעם סם, וואָס מ י ך האַלט אויף, און אייער שוואַכקייט
קרענקט?...

„קוים האָט איהר אין מיין ברוסט אַ שעהנע קנאָספּ
דערבליקט,
„מיט שאַרפע טיגער־נעגעל האָט איהר זי צופליקט...

„און בלאַט פאַר בלאַט האָט איהר אַ בלומען־וועלט
צושטערט,
„און פוילענדיג געלאָזט די וואָרצלען אין דער ערד...

„און מיינע טרוימען־קינדער האָט איהר אויסגעשלאַכט
„פאַר מיינע אויגען, און — איהר האָט דערביי געלאַכט...

„דאַן האָט איהר מ י ך, דעם אונפּרוכטבאַרען, בלינד
געמאַכט
„פאַר ליכט און האָפענונג, ביז אין פאַרצווייפלונגס שאַכט,

„אָהן פויגעל־שטים, אָהן הימעל'ס גרוס, אָהן זונען־
שטראַהל,
„געקנוילט זיך האָב איך, און מיט וואוטה געהערט,
דעם פאַל

„פון מיינע פּאַלאַצען און פון מיין הייליגטהום,
„אין טויזענד וויסטע שטיקער קראַכענדיג אַרום...

„און כ'האָב געפלוכט, ווייל פלוכען בלויז האָב איך
געקענט,
„ווי ס'פלוכט דעם תהום דער אונטערגעהענדער אָקרענט...

„און דאַן האָב איך געטאַפּט אין דעם רואינען־שטויב,
„געזוכט אַ רעשט צו ראַטעווען פון אייער רויב,

„ביז פון דער חורבה האָב איך עס אַרויסגעקראַצט...
„און עפּעס האָט ערוואַכט, און עפּעס האָט געפּלאַצט...

„און כ'האָב ניט מעהר געמאַהנט, און כ'האָב ניט מעהר
געפלוכט,
„און כ'האָב ניט מעהר געשפּיאָנט, און כ'האָב ניט
מעהר געזוכט,

„און כ'בין געוואָרען פריי, און לויז פון יעדער לאַסט,
„און שטאַרק אַקעגען גאָט און אייך :
א י ך ה אָ ב ג ע ה אַ ס ט...

.1910

זינד

ביים שוועל פון טעמפּעל וואו עס זיצען די גערעכטע,
אויף אַלאַבאַסטער־טהראָנען און אין שנעע־געוואַנד,
געשטאַנען איז ער און שוין אויסגעשטרעקט די האַנד
די טהיר צו עפענען, מיט פינגער לאַנג־פאַרשוועכטע;
באַלד האָט זיין פויסט געזאָלט די נעץ צופליקען —
די דיכט־געוועבטע נעץ פון טומאה און פון פלוך...
באַלד האָט זיין זעעל אַ לייטערונג, זיין גייסט אַ תקון
געזאָלט געפינען...

פלוצלינג איז דער גיפט־גערוך
פון אויסגעוועפּטער שכרות אין זיין נאָז געדרונגען...
זי איז געשטאַנען און אין זיין געזיכט געלאַכט,
און יעדער אויג־פונק א'הרער האָט איהם אָפּגעשוואַכט,
ביז ער איז פול מיט עקעל פון איהר זייט געשפּרונגען: —

„דו ביזט די פעסט און א י ך וויל קרעפטיג ווערען...
„שוין לאַנג די שפּור פון יענע ווילדע טעג
„אַראָפּגעוואַשען האָבען מיינע טהרערען..."
דאָך זי האָט אָנגעכאַפּט זיין מאַנטעל'ס ברעג:

„דו וועסט ניט מעהר אַריינגעהן אין דעם טעמפּעל,
„נאָר בלייבען וועסטו און מיך האַסען ווי דעם טויט,
„און אויף דיין באַק וועט אייביג ברענען פיעבער־רויט
„דער קוס וואָס כ׳האָב דיר אויפגעדריקט אַלס שטעמפּעל...

.1910

דאס ליעד פון סוף

קיין יאָמער־וואָרט איז ניט אַרונטער פון זיין צונג...
נאָר שטאָלץ געשטאַנען איז ער אין זיין גאַנצער הייך,
די אויגען טרוקען־טרויריג און דער פּנים בלייך,
און טריף פאַר טריף ווי גליהענדען מעטאַל,
אַריינגעזייהט האָט ער אין איהר די גאַל
וואָס האָט אין איהם געזאָדען:

„דו ביזט יונג,
און דיינע ליפּען גאַהרען דעם גענוס,
פון ליעבע'ס ערשטען שטורעם־קוס,
פון שטאַרקע אָרעמס וועלכע ווילד און הייס
צום ערשטען מאָל בעצווינגען אַ פאַרבאָט'נעם לייב...
געה רויש זיך אָן, און טרייב
דער יוגענד'ס שפּיעל צום ענד, און ווייס,
אַז איך בעצאָהל וואָס איך האָב לאַנג פאַרדיענט,
אַצינד ביזט ד ו די שטראָף און א י ך די זינד...
דאָך רינג אין רינג זיך ציהט די קייט,
און דו זיי גרייט,
צו זופּען פון דעם זעלבען בעכער'ס ראַנד,
פון וועלכען איך טרינק איצט מיין שאַנד...

און ווען עס קומט דיין טאָג,
ניט יאָמער און ניט קלאָג,
ניט פליק פאַרצווייפעלט דיינע האאר,
ניט שנייד זיך דורך די קעהל,
נאָר שלים זיך אָן ווי איך דעם כאָר,
וואָס זינגט ביים טויער פון דער העל,
דאָס ליעד פון זינד און שטראָף —
דאָס ליעד פון סוף...

.1910

שעהן איז בלויז דער וואַלד

איך האָב געוואַנדערט דורכ'ן וואַלד
און האָב געפרעגט מיט פּיין :
„אויף וועלכען בוים־שטאַם וואַקסט דאָס האָלץ,
„וואָס וועט מיין ארון זיין ?...״

געענטפערט האָט דער גאַנצער וואַלד,
מיט בלעטער אָהן אַ שיעור...
און כ'האָב אין טומעל ניט געהערט,
דעם בוים וואָס רעדט צו מ י ר . . .

נאָר כ'האָב געוואוסט, אַז ערגעץ וואו
צו מיר זיין שטימע רעדט :
„ביי מיר אין קאָרע־מאַנטעל ליעגט,
„שוין לאַנג דיין קבר־ברעט...

„דען יעדער ב ו י ם אַן ארון איז,
„און יעדער שטאַם בעהאַלט
„דעם שוואַרצען טויט פאַר אימעצען,
„און שעהן — איז בלויז דער וואַלד...״

1911.

דאס בוימעל

ער איז ביי דעם וועג־זוים געשטאַנען,
מיט אונטערגאַנג־שטראַהלען בערעגענט,
מיין חבר אין איינזאַמע שטונדען,
מיין איינציגער פריינד אין דעם געגענד :
אַ בוימעל מיט שיטערע צווייגען —
און האָט ווי אַ בוים זיך געזעגענט...

שוין האָב איך די מענשען פאַרגעסען,
דאָס בילד פון דער שטאָדט איז פאַרשוואונדען,
דאָך ענג צו די שטריק פונ׳ם הערצען,
דער בוים איז געבליבען געבונדען....
ער זעגענט נאָך אַלץ זיך און זעגענט
אין שטראַהלען פון אבענד געצונדען...

ווי האָט ער געשטרעקט זיינע בלעטער !...
ווי האָט ער געצויגען די צווייגען !...
האָט קענטיג געוואָלט עפּעס זאָגען,
פון עפּעס געוואָלט איבערצייגען...
דאָך ער איז אַ בוים נאָר געוועזען,
און האָט זיך געזעגענט מיט שווייגען...

און קוק איך פאַרנאַכט אויפ'ן מערב,
וועז וואָלקען־געשטאַלטען זיך בייטען,
דאָרט זעה איך דאָס איינזאַמע בוימעל
פון יענע פאַרגאַנגענע צייטען...
ער זעגענט און זעגענט נאָך אַלץ זיך,
און נייגט זיך פאַראומערט פון ווייטען...

.1911

די ווינטער־פרעירי

און זעהט איהר די פרעירי פארגליווערט אין קעלט,
פארדעקט אין איהר שנעאיגען ארון,
דאן זיפצט איהר און זאגט : ס'איז א בר־מנן וועלט,
„די פרעירי איז נפטר געווארען...”

דאך אונטער דעם פראסט־מאנטעל ליגען פארהילט
פון זומער זכרונות און בילדער,
און דאס וואס געוועזען איז גלוטיג און ווילד,
זיך לייטערט אצונד און ווערט מילדער...

און זעהט איהר א פויגעל אמאל אין דער לופט,
וואס ה י י ז ע ר י ג פיפסט זיינע טרעלען,
און קינצעלט חזנ'יש זיין קול'כעל — ניט פרופט,
דער פרעירי אלס מוסטער איהם שטעלען...

דען ווינטער איז איצט און די פרעירי זי ווארט,
און זאמעלט און זאמעלט עשירות,
און אלץ וואס איז מעכטיג און אלץ וואס איז צארט,
פארבארגען אין בוזעם ביי איהר איז...

.1911

אַן איבערראַשונג

צוויי סאַמעט־הענט׳לעך דעקען צו
די אויגען מיינע מיט אַ מאָל,
ווי ווייכע בלעטלעך פון אַ רויז,
און ס׳קלינגט אַ זילבער־קול: —

„אַ נו זאָג, ט אַ ט ע, ווער דאָ שטעהט?"
איך קניטש דעם שטערען און איך טראַכט: —
„די ווייסע קאַטץ?" — די קליינע קוועלט: —
„האָסט ניט געטראָפען"... און זי לאַכט.

„די מוהמע?" פּרוּף איך פון דאָס ניי,
„ניין, טאַטע, וועסט ניט טרעפען לייכט"...
„דער פעטער שלמה? —" ס׳הילכט אין הויז
דער קליינע׳ס לאַכען און זי קייכט...

איך ברעך דעם מח און איך זוך...
„נו זאָג שוין אויס ווער קען דאָס זיין?..."
די הענטלעך פליהען גיך אַראָפּ,
און איך דערזעה דעם העלען שיין...

און דענקען קענט איהר ווי איך בין
מיט איבערראַשונג פול געוועזן —
ווען כ'האָב פאַר זיך קיין אַנדערען,
ווי ס'קליינע ליעבע קינד געזעהן...

.1912

דאָס קראַנקע קינד

געשמייכעלט האָט דאָס מיילכעלע,
פון שלאָף געעפענט האַלב,
געלעגען מאַט דאָס קעפעלע,
ווי ביי אַ קראַנקער שוואַלב...

געהאַלטען האָט זי צוגעדריקט
צום הערצעלע געטריי:
די ליאַלקע מיט די ברוינע האָאר,
דעם הונד פון פאַרצעליי...

און אויסגעשפרייט איהר רייכטהום איז
געלעגען נעבען איהר:
צוויי שפולכעלעך, דריי בענדעלעך,
פיער קוויטען פון פאַפיער...

דאָס האַרץ געוואָרען איז מיר שווער,
און כ'האָב ביים קליינעם בעט —
צום ערשטען מאָל אין יאָהרען פיעל —
געמורמעלט אַ געבעט...

.1913

דער טהראָן

אין מיין מח אַ לעגענדע
טראָגט זיך, ווי אַ זומער־פּאָדעם —
האָב איך זי אַליין געשפּונען,
האָט זי אימעצער דערצעהלט מיר ?

ערגעץ — זאָגט זי — הינטער וועלדער
שטעהט אַ פּאַלאַץ פון קדמונים,
אין דעם פּאַלאַץ שטעהט אַ טהראָן־שטוהל,
אויפ'ן טהראָן אַ קרוין און צעפּטער...

טהראָן און קרוין און צעפּטער וואַרטען,
ביז דער רעכטער מאַן וועט קומען,
און אַ בת־קול הויך וועט הילכען
אַז דער קעניג איז געפונען...

טהראָן און קרוין און צעפּטער וואַרטען,
איבער זיי אַ שפּינוועבס פלעכט זיך,
קיינער קומט זיי ניט צו נעהמען,
און דער שלאָס איז וויסט און ליידיג...

װאַרט דער שלאָס און ראָסט דער צעפּטער,
און דערװײַלע אין די װעלדער,
װאַנדערט אום דער מאַן דער רעכטער,
זוכען יאַגדעס, קלײַבען שפּענער...

האָט ער יאַגדעס זאַט געגעסען,
האָט ער זײַנע שפּענער פאַרטיג,
לוסטיג דאַנקט ער גאָט אין הימעל,
פאַר די גרױסע חסדים זײַנע...

.1913

אַ פּראָפעט'ס צרות

„וירע אל יונה רעה גדולה ויחר לו"
(יונה ד' ה').

ביים טויער פון נינוה זיצט יונה און קלאָגט,
און טהרערען פון ד'אויגען איהם רינען,
ער פליקט זיינע האָאר און ער ברעכט זיינע הענד,
און קען זיך קיין טרייסט ניט געפינען —
אַ ביטערער וועהטאָג צושפּאַלט איהם דאָס האַרץ
און וויקעלט אין וואָלקענס זיין זינען...

„אָ, הייליגער נביא געשיקטער פון גאָט,
„ווארום דיינע טהרערען פאַרגיסטו? —
„האָט נינוה'ן דיין שוואַרצע נבואה דערגרייכט,
„און זי איז געוואָרען אַ וויסטע?
„בעוויינסטו אַזעלכע וואָס זיינען פיעלייכט
געפאַלען קרבנות אומזיסטע?"

דער טרויריגער נביא ווערט טרויריגער נאָך,
און וואַרפט זיך אַזוי ווי אַן אָקון,

ער וועלצט זיך פון צאָרען און דרעהט זיך פון שמערץ,
און צופּט זיך נאָר שטאַרקער די לאָקען,
און ענטפערט:
„צי גלויבסטו, דו נאַרישער מענש,
„אַז מיך וואָלט אַזוי־וואָס דערשראָקען?

„וואו האָסטו אַ נביא געזעהן, וואָס דער טויט
„פון פעלקער, זאָל רויבען די רוה איהם?
„פאַרשילט ער אַ שטאָדט, מוז ער האַלטען זיין וואָרט,
„און זעהן עס זאָל ווערען מקוים...
„דאָס אומגליק (דאָ האָט ער זיך פלוצלינג פאַרהאַקט,
געפייניגט פון טיעפע עינויים),

„דאָס אומגליק איז אָבער וואָס היינטיגעס מאָל
„פיעל גרעסער און שווערער דער בראָך איז,
„און צווישען נביאים געקריגען האָב איך
„די ערגסטע פון אַלע מערכות,
„דען נינוה וואָס איך האָב פאַרשאָלטען צום טויט,
„איז פריש און געזונד, אויף צו להכעים..."

.1912

נאך דעם קריעג

אוּן ווען דער וואַמפּיר פוּן נאַציאָנען
ווּעט האָבען ביז זאַט זיך געזויגען,
מיט בלוּט פוּן געטייטע לעגיאָנען —
ווען ס'וועט ליעגען אויף בערג
פוּן הרוגים, געבויגען
אוּן שטוּמפּף, פוּן זיין טייפעלשען ווערק,
דער בעפּורפּוּרטער שווערד —
ווען דעם מויל צוּ דער ערד,
וועלען ליעגען די קאַלטע קאַנאָנען,
אוּן מאַט אוּן פאַרגליווערט די האַנד,
וואָס פלעגט קאָנען
מיט שטאָהל אוּן מיט פּוּלווער זיי שפּייזען —
דאַן וועלען די טויבען פוּן פרידען אין לאַנד
זיך בעווייזען...

אוּן א י י ן פאָלק וועט זיעגען,
אוּן קריעגען

פאַר טויזענדער לעבענס בעצאָהלט,
אַ שטיק ערד אָדער גאָלד —
אין וועט מיט דעם אומבייט שטאָלצירען...
און ס'צווייטע וועט נעהרען
פאַרבאָרגען, דעם קערן
פון האַס צו דעם זיעגער,
בעזינגענדיג מ ו ט ה י ג־ג ע פ אַ ל ע נ ע קריגער...

און ד אַ ן וועט פאַסירען: —

אַז אַ קריפּעל סאָלדאַט
מיט מעדאַלען בעהאַנגען,
וועט געהן אויף אַ הילצערנעם פוס,
און נדבות פאַרלאַנגען,
אין זכות
פון זיין העלדישער טהאַט...

און אַ באָרפוסער יתום אַ יונגער,
וועט גנב'ען אַ קוכען צו שטילען
זיין ביטערען הונגער,
מיט שטאָלצע געפיהלען,
ווייל ע ר האָט אַ טאַטען אַ גבור געהאַט...

און אַ גאַסען־פרוי וועט
אַ מאָל שפּעט
אין אַ פראָסטיגער נאַכט,
רייבען טרייסלענדיג איהרע צושפּאָלטענע הענד,

און זיך שיצען פון שנעע,
ביי דעם שטיין־מאָנומענט,
געשטעלט „פאַר די טויטע אין שלאַכט" —
און וועט פרעהען זיך דאָן,
וואָס איהר מאַן,
געוועזען איז איינער פון ז י י...

.1913

דער קרייז

(אויף אַ זעץ־מאַשין).

פון געהירען־זאַפט אין טינט,
אונ פון טינט אין בליי פאַרביטען,
ווערט דער טרוים — דעם מח'ס קינד...
אין דער הייסער קעהל,
פון דעם שטאָהל־געשטעל,
ווערט מעטאַל — פון האַרצענס־בליטהען...
דאַן צוריק פון בליי,
געהט די וואַנדעריי,
ביז צום טינט און צום פאַפּיער —
ביז ס'ווערט פּראָזא אָדער שיר,
אונ עס דרינגט מיט צויבער־כח
ווידער אין דעם לעזער'ס מח,
און זיך וואַנדעלט ווידער אום,
אין אַ דופּט'גע האַרצענס־בלום...

.1911

פּראָזאַ-ליעדער

פריהלינג

דאָס איז געווען די וואַך־נאַכט פון פריהלינג...

און די מלאכי חבלה האָבען זיך פון אַלע עקען פאַר־זאַמעלט צו טייטען דאָס יונגע שעהנע קינד. דער דונער איז געלאָפען ליאַרעמענדיג פון איין ברעג הימעל צו דעם אַנדערען און לאַנגע פייערדיגע שלאַנגען האָבען זיך גע־דרעהט און געצאַקט אין אַלע זייטען, און דער שטורמ־ווינד האָט אין דער פינסטערניס די וואָלקענס צוזאַמענ־געבייטשט און האָט מורא׳דיג געוואָיעט...

דעם לעצטען שטערען האָבען זיי פאַרמעקט, קיין ליכטיגען עדות ניט צו האָבען, און זיי האָבען זיך געגרייט דעם פריהלינג צו דערשטיקען...

איך האָב זיך פון מיין געלעגער אויפגעכאַפּט און האַסטיג האָב איך זיך אָנגעטהאָן ווי מע טהוט זיך אָן אין דער צייט פון אַ שריפה אָדער פאַר דעם אונטערגאַנג פון אַ שיף... איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער... שוואַרץ ווי פעך. און אין דער פינסטער ברעכען זיך און רייסען זיך די בוימער...

אַ פייערדיגע ליילעך האָט זיך אויף איין סעקונד אַ שפּרייט געגעבען אויף אַ האַלבען הימעל און ווידער איז געוואָרען שטאָק־פינסטער, נאָך פינסטערער ווי פריהער...

אַ קראַך... די ערד האָט אויף איהרע פונדאַמענטען געציטערט, און אימעצער האָט געקלאַגט מיט אַ האַרצ־רייסענדען יאָמער... אמאָל אין אָפּגעבראָכענע וועה־געשרייען און אמאָל אין לאַנגע אויסגעצויגענע יללות...

דאָס האָט דער פריהלינג געקלאָגט...

אין דער חשכ'נים האָבען זיי איהם אַרומגערינגעלט, די מיאוס'ע בעשעפעניסען... זיינע בלומענקרענץ פּליקען זיי איהם פון קאָפּ, זיין שעהנער שטראַהלענדער פּנים איז פאַרוואונדעט, זיינע פּרעכטיגע זיידען־קליידער זייגען צוריסען און ער ראַנגעלט און בעט זיך...

קראַך ! קראַך ! קראַך !...

איצט וועלען זיי איהם דערשטיקען... טויט וועט ליעגען אין זייערע הענד דער לאַכענדער, שטראַהלענדער, שוועבענדער בלומען־קעניג...

וואוטהיג גיסט דער מבול... און אויף די שויבען קלאַפּט עס מורא'דיג. דאַכט מיר, דער פריהלינג בעט זיך צו מיר אין צימער אריין, איהם צו בעשיצען... איהם פון די מלאכי־חבלה און די שווארצע בעשעפעניסען צו ראַטעווען...

איך פּרוּף אַ פענסטער עפענען און אַ גאָס פון גרויסע שנעלע טראָפּענס טובל'ט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס... איך מאַך צו און הער דאָס רוישען פון דעם שלאַקס רעגען... די פינסטערנים איז געדיכטער געוואָרען און אונטער'ן פענסטער־געזימס, וויינט דער פערלאָזענער הילפלאָזער פריהלינג : —

— נעהם מיך אריין, זיי וועלען מיך דערווערגען !...

— — — — — — — — — — — —

דער רעגען פּלייצט מיט אַ שטילער שושקעריי... און דאָס קלאָגען האָט אויפגעהערט.

ער לעבט... ער גערט אום אין דעם דונקעלען סאָד. איך הער זיינע טריט אין דעם דורכגעווייקטען גראָז: „צוואָט", „צוואָט"...

ער וואַשט זיך די לאָקען פאַנאַנדער, ער שטרעקט זיינע גליעדער און זופּט אין זיך דעם וואַרעמען שושקעדיגען רעגען...

אָט הער איך איהם אויף די בוימער קלעטערען, פלינק ווי אַ וועווערקע שפּרינגט ער פון צווייג צו צווייג...

לייכט שטעלט ער זיך אַרויף, אויף דעם שפּיץ פון יונגען בוימעלע, און ער לאַכט צו איהם: —

— שרעק זיך ניט, נאַרעלע, איך וועל דיך ניט צו־ברעכען... דו וועסט פון מיר מתנות קריגען...

מע פּוצט אוים די וועלט אין דער פינסטער... איי־מעצער מאַכט צורעכט דעם סאָד און די גערטנער פאַר אַ גרויסער, גרויסער שמחה...

מאָרגען וועט דער פריהלינג זיך פאַר דער גאַנצער וועלט בעוויזען...

דאַכט מיר, איך הער ווי משרתים שטעלען איבער אַלצדינג און הענגען אוים טהייערע גאַרדינען און שפּריי־טען געשטיקטע דעקען, און אימעצען׳ס קול הער איך אין דעם לייכטען מורמעל פון רעגען: —

— איילט זיך צו!... דער מאָרגען קומט...

— — — — — — — — — — —

קענטיג איך בין ביים פענסטער איינגעשלאָפּעז...

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך ווען די זונן האָט מיר די אויגען און דאָס געזיכט מיט אַ בינטעל שטראַהלען־זאַנגען געשטאָכען שטיפענדיג...

דער הימעל איז געווען א י י ן בלאָע פרייד פון זוים צו זוים...

איך האָב אַראָפּגעקוקט צום סאַד: ו ו י י ס אי' ער געוועזן, און אַזוי לייכט און אַזוי לופטיג אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אָט, הויבט ער זיך אין גאַנצען אויף אין דער לופט און פלאַטערט ווי אַ זומער־פויגעלע אַוועק, ווייט, ווייט...

און פויגלעך זיינען אַרומגעשפּרונגען און געקוסט יעדען אָרט וואָס דער פריהלינג האָט מיט זיינע פינגער אָנגעריהרט...

און דער ווייכער גרינער אַטלאַס אויף דער ערד... אָט דאָס האָב איך עס געהערט ביינאַכט אויסשפּרייטען...

ד אָ ס אַ ל ץ איז אין דער פינסטערניס געשעהן.

איך בין אַראָפּגעלאָפען אין סאַד און מיר האָט זיך פאַרגלוסט זיך אַנידערוואַרפען אויף דעם פייכטען זיסען גראָז, און פיהלען דעם בעפרוכפּערענדען קוס פון פריה־לינג...

איך האָב גראָז־פעדעם געפליקט, איך האָב די געלע קווייטען פון די „לייב׳ס־צייהנער" צעהנדליג־וויז גע־ריסען און זיי געקוסט און זיי צוריק צום גראָז געשליי־דערט, איך האָב מיין געזיכט אין די טייכלעך רעגען גע־

וואַשען און בין וואַהנזיניג צווישען די בייטען געלאָפען,
און מיר האָט זיך מעהר, מעהר פון פריהלינג געוועלט...

א פויגעל ווערען... ניין, ניט אַ פויגעל. נאָר זיין
בעסער אַ בליהונג און הענגען נאָס אָט אַזוי ווי ד י
וועלכע הענגען אויף דעם עפעל־בוים און טריקענען זיך
אין דער מאָרגען־ווארעמקייט, און קוקען אַרויף צום בלאָ־
ען פריידיגען הימעל אין דער הויך...

זינגען האָב איך אָנגעהויבען... מיין קול האָט געוואָלט
אַלע פויגלען איבערשטייגען. אָבער פארשעהמט בין איך
אַנטשוויגען געוואָרען...

שעהנער גאָלדענער פריהלינג ! מיין קול איז מיאוס,
פאַרגיב מיר...

האָבען מיינע אינגעווייד געזונגען און איך האָב גע־
קוקט אויף דעם הימעל און אויפ'ן סאַד און מיין הארץ
איז געוואָרען שווערער, פולער, שכור'ער... און איך האָב
זיך צו־וויינט...

און דער פריהלינג האָט מיינע טהרערען מיר פון
די אויגען אַרויסגעקוסט, און האָט מיר זיין גליק אין
הארצען אריינגעקוסט...

און מיין נשמה איז געוועזן אַ בייט פון אָקאָרשט־
געפלאַצטע רויזען...

פריהלינג...

פולע ארעמס רויזען וויל איך נעהמען...

אַ טהייל פון די רויזען וועט זיין ווייס ווי דער ער־
שטער שנעע אין דעם העלען ווייסען מיטאג־ליכט...

אַנדערע וועלען זיין ליכט געריטעלט ווי דער שמייכעל פון מאָרגען אויף אַ לויטערען הימעל...

אַנדערע וועלען זיין געל און גאָלדיג ווי די פולע לבנה אין אַ קיהלער סוף־זומער־נאַכט...

און נאָך אַנדערע וועלען זיין בלוטיג־רויט ווי די ליפּען פון אַ כלה זיך גרייטענדיג צו איהר חתן׳ס קוש...

פולע ארעמס רויזען וויל איך נעהמען... און זיי וואַרפען אויפ׳ן ווינד, און דער ווינד וועט זיי טראָגען אין צפון און אין דרום און אין מזרח און אין מערב, און אומעטום זאָל זיין אַ רייכטהום און אַ בערוישונג פון רויזען...

און אין יעדען בליק זאָל זיך דער פריהלינג שפּיעלען,

און אין יעדען טראָפּען בלוט זאָל טאַנצען דער גייסט פון פרייד...

און אין די פינסטערסטע נעסטען פון הארצען זאָל דער דופט פון די רויזען דרינגען...

און צוויטשערען זאָל עס אין אַלע מחות:
פריהלינג, פריהלינג...

.1913

דער ים

אַן אַנטפּלעקונג איז עס געווען, אַן אויפּיאַויכצען, אַ פרייד־בעגעגעניש און אַן ענטציקונג...

פאַר מיר האָט דער גרויסער ברייטער ים געפונקעלט אין דעם גאָלדענעם מיטאָג׳דיגען זונען־ליכט, און פון מיין נשמה האָבען איהם הונדערט שטימען אַנטקעגען געשאַלט און געזונגען: —

„דער ים, דער ים...״

אין אַ וויטען טרוקענעם לאַנד האָב איך פון איהם געטרוימט, אויף דעם בלאָען הימעל האָב איך יאָהרען־לאַנג געקוקט און פון דער לופטיגער תכלית זיך געזוכט אַ בילד צו מאָלען פון דעם בלאָען אוקינוס... גרינע לאַנדשאַפטען האָט מיין דמיון אין כוואַליעם פערוואַנדעלט, און מיין בענקעניש האָט די פרעירי — די שטומע, טויטע, פאַרברענטע פרעירי, אין אַן ענדלאָזיגקייט פון וועלען פאַרביטען און אַ ים פלעגט אויף דעם פלאַץ פון דעם מדבר רעש׳ן און רודערען... און האָב איך דאָס שאָר־כען פון בלעטערדיגע ביימער אין אַ שטורעם געהערט, פלעג איך די ברעמען צודריקען און מיט געשלאָסענע

אויגען דעם טומעל און דאָס שושקען פון וואַסערען הערצן...

זאָל איך די שיף אויסטהאָן, און ווי צו אַ הייליג־טהום צוטרעטען צו איהם ? זאָל איך אויף די קניע פאַלען און זיך בוקען צו זיין גרויסקייט ? זאָל איך וויינען, זאָל איך לאַכען ? זאָל איך דעם גאָלדענעם זאַמד־ברעג קושען ? —

אַ גרויסער, לאַנג־בעוואונדערטער, היים־געליעבטער ! אַ מעכטיגער, הייליגער ים ! דיך גריסט און דיך גרייסט אַן עולה רגל...

און אין דער צווייטער רגע איז אויף מיר אַ מורא געפאַלען, זיין מאַכט און זיין שטאָלץ האָבען אויף מיינע חושים געדריקט און איך האָב געפּרעפּעלט : פאַרשלינג מיך, שטאַרקער מורא'דיגער וואַסער־גאָט. פאַרשלינג מיין קליינעם, פון שרעקען צודריקטען, פון פריידען צוגליהטען גוף, אַזוי ווי דו האָסט יאָהרען לאַנג אַלע מיינע חלומות פאַרשלונגען...

דאַן האָב איך ווידער געקוקט אויף די כוואַליע־פעלדער, אויף די שטייגענדע און פאַלענדע טורעמס, אויף דער אונרוהיג־רוהיגער גרויסקייט און טהרערען פון דאַנקבאַרקייט האָבען מיר פון די אויגען אַרויסגעקוואָלען. דען דער ים האָט מיך ניט פאַרשטויסען, ניט פרעמד, ניט קאַלט האָט ער מיך אויפגענומען. און אַ גאָלדענער שטראַהל־שליח איז אויף די גרינליכע פאַליעס געלאָפען מיר אַנטקעגען — מיך מקבל פּנים צו זיין.

נעהנטער, נעהנטער צו דעם ברעג בין איך געקומען. איך האָב געוואָלט כאָטש מיין שפּיץ פוס אין דעם וואַסער

טובל'ען, אָנריהרען דעם זוים פון אוקינוס מאַנטעל האָב איך געגאַהרט.

אָבער דאָרטען זיינען מענשען געווען, און געשריען און געליאַרעמט האָבען זיי, און געבאָדען זייערע וואָכעדיגע מיאוס'ע קערפּערס אין דעם הייליגען ווייסען שוים, און מיר האָט זיך געוואָלט איטליכען פון זיי אין געזיכט אריינשרייען: — וואָרום פאַרשוועכט איהר דעם קדש־הקדשים? —

און דאַן האָב איך זיך אין זאַמד איינגענורעט און געוואַרט ביז איך וועל זיין אַליין מיט'ן ים...

ביסלעכווייז איז די זון פאַרגאַנגען. הינטער אַ וואָלקען האָט זי זיך צום מערב אַראָפּגעגליטשט, און פון הינטער דעם וואָלקען איז אַ קופּער־גלאַנץ געפאַלען און מאַט־רויטלעך האָבען זיך די וועלען געפאַלדעוועט... רושיגער און קעלטער האָט דאָס וואסער זיך צום ברעג געשטויסען און פון ברעג אָפּגעשפּרונגען, און איך האָב מיט אַן איי־פערזיכטיגער בעהאַלטענער פרייד צוגעזעהן, ווי דער זאַמד ווערט ליידיג, ווי די מענשען צוגעהען.

„אַליין מיט'ן ים וועל איך זיין" — האָב איך צו דעם אָבענד־ווינד געמורמעלט און אין מיר האָבען ווילדע ערוואַרטונגען געגליהט.

איינציגווייז האָבען די שטערען פון דעם קאַלטען קלאָרען הימעל אַרויסגעבליסטשעט. ביי דעם ווייטען ים־האָריזאָנט האָט אויפגעבליצט דאָס ליכט פון אַ לייכט־טהורעם און די נאַכט איז הינטער מיינע פּלייצעס געשטאַנען און שטילערהייד בייגעוואוינט מיין בעגעגענים מיט'ן ים...

„סש—סש—סש—סוויש...״

אָט איז ער... דאָס איז ער, מיין גרויסער אוקינוס און דאָס גריסט ער מיך. איצט בין איך מיט איהם אַליין...

„סש—סש—סש—סוויש...״

מעכטיגער, הייליגער, אוראַלטער! זיי געגריסט און געאַכפּערט — האָב איך אַרויסגעשריען.

פון דער וויימען איז אָנגעקומען אַן אונגעהייער פעלד פון צואַקערטע וואַסער־בייטען, זיך געצויגען און געצויגען, זיך פונאַנדערגעראַלט און זיך צוזאַמענגעקנייטשט, זיך געקייקעלט און זיך געקרימט, און אָט האָט זיך אַ גאַנצע וואַסער־סטעפּע אויפגעוויקעלט, זיך אויפגעשטעלט, זיך האַסטיג מיט אַ שוים־קרוין בעציערט און קראַך... צובראָכען איז דער גאַנצער מאָמענט־בנין...

שפּרינגענדיג איינע אויף דעם קאַרק פון דער צווייטער, פאַרסאַפּעטע, קייכענדע, צושויבערטע, זיינען זיי געקומען די דונקעלע אינדען און האָבען זיך ביי מיינע פיס צושפּליטערט.

וויפיל האָט איהר געוואַנדערט איהר ים־קינדער ביז איהר האָט דאָ נעבען מיר אייער גסיסה־קרעכץ אַרויסגעלאָזט? פון דעם וויימען וויסטען ים־הקרח זייט איהר פיעלייכט אַהער געקומען, דורך ווינטען און דורך שטורעמס, אַמאָל בעגולדט פון דער זון און אַמאָל געבייטשט פון אוראַגאַן, אַמאָל זיך קרייזלענדיג אויף דער אויבערפלעך און אַמאָל בושעווענדיג אויף דעם תהום, דאָרט וואו דער לויתן ליעגט...

„סש—סש—סש—סוויש...״

פאַרשטאַנען האָב איך דיך, לעבענער, אייביגער אוקינוס. אָהן אַ שפּראַך פאַרשטאַנען האָב איך דיך. אין דיין תהום־ברוסט בין איך אַריינגעדרונגען, איך הער דיין גרויס האַרץ קלאַפּען...

„סש—סש—סש—סוויש..."

דער הימעל האָט זיך שוין מיט גאַנצע הויפענס שטערען בעשפּריצט, און דער ים האָט זיך מיט זילבער בעפּינטעלעט, אַזוי ווי ער האָט זיך שוין מיליאָנען נעכט און וועט זיך נאָך מעהר מיליאָנען נעכט בעפּינטלען. —

ביין ברעג פון דעם ים־האָריזאָנט האָט דאָס ליכט פון לייכט־טהורעם זיך געצונדען און געלאָשען.

און איך בין אַליין מיט'ן ים געווען און דער ים האָט גערעדט צו מיר: —

„סש—סש—סש—סוויש..."

.1910

פאַלנדע בלעטער

פאַלען די ברוינע, זאַפראַן־קאָלירטע אָדער געלע בלעטער אַראָפּ פון די בוימער, קלייב איך זיי צוזאַמען ביז עס ווערט איין גרויסער שאָרשקעדיגער הויפען... דאַן צינד איך זיי אָן, און זעה דערנאָך ווי דער רויך, פול מיט אַ זיסען געווירץ, צושפּרייט זיך פויל און לאַנגזאַם אין דער קאַלטער הערבסט־לופט... אַ פייכט בלעטעל וויל ניט ברענען און ראָלט זיך צוזאַמען אין אַ לעצטען קאָנוואולסיווען פּראָטעסט, און איך שאַר עס אין מיטען פייער אריין... איך הער זיך אַיין, צו דער שטילער פאַרשטיקטער קנאַקעריי, ביז עס ברעכט אַרויס אַ פלאַם, און אַרום ווערט וואַרעם און זומערדיג, און אַלטע גייסטער שפּוקען אַרום, מיר דאַכט, און טאַנצען אַרום דעם שייטער־הויפען...

אויבען רוישט אַ מחנה פון פּוסטע צווייגען און אַ בלאָער, קאַלטער, אין־זיך־פאַרשלאָסענער הימעל, קוקט אַראָפּ אויף מיין קינדערשער זעלבסט־נאַרעריי...

אַ פויגעל צוויטשערט דורך... איהר לעצטער אַדיע. אַלע זיינען שוין אַוועק אַהין וואו אַ נייער זומער וואַרט אויף זיי, און זי מוז נאָכיאָגען...

אַן אײנציגע גרויסע פֿליג זומט מיר אַרום קאָפּ...

* * *

בעגינען גײה איך אַרויס און בעקוק די בוימער. די צװײגן זײנען דורך דער נאַכט אַביסעל הױלער געװאָרען... אָבער אַ סך איז נאָך געבליבען, און מע אײלט זיך ניט. אַזױ װעט עס געדױערען טעג און װאָכען און מאָנאַטען... װעט דער װינד אַ שטאַרקען קלאַפּ טהאָן, װעט דאָס בלאַט מצדיק הדין זײן און פֿאַלען. און װען ניט, װעט עס זיך האַלטען... אויב ניט אויף דעם אײגענעם שטענגעלע איז כאָטש פֿאַרטשעפּעט אױף אַ צװײטען... אין דעם פֿליאַנ־טער פֿון אַזױ פֿיעל קען זיך אַפֿילו אַ טויטס אַ לאַנגע צייט האַלטען, און הייסען װעט עס, אַז עס איז נאָך אויפ׳ן בוים...

דערװײל װעט עס אַרײנכאַפּען נאָך אַביסל זונן, נאָך אַ קוק אויף דער לאָנקע און אויף דעם טײך און אויף די בערג...

עס װעט שוין זײן שבט און דער פֿראָסט װעט שױן אומעדום ליגען, אײדער דאָס לעצטע בלאַט װעט זיך אַרונטערפּעקלען...

מיר װילט זיך אָננעהמען דעם שטאָם און טרײסלען מיט געװאַלד:

שאָקעל זײ אַלע אַראָפּ און מאַך אַ סוף...
מיר דאַכט, ער לאַכט הײזעריג פֿון מיר...

* * *

אַ דינער שטילער רעגען פֿאַלט אויף דער ערטער־

ווייז נאָך גריגער לאַנדשאַפט. דורך דעם רעגענבויגעל זעהט זיך דער וואַלד הינטער די פעלדער, און דער טייך מיט זיינע קליינע בעוואַקסענע אינזעלעך.

ווער האָט געזאָגט : עס איז הערבסט ?

אפשר איז עס מאַי, און די רעגען־פעדעם שפינען דאָס ניי קומענדע לעבען ? האָב איך ניט מיט פיער מאָנאַט צוריק דעם זעלביגען רעגען מיט שמחה געזעהן; און מיין הארץ האָט געקלאַפּט און איך האָב איהם גע־לאָזט מיין קאָפּ וואַשען, און מיר אַלע, איך און די בלומען און די ערשט־אַרויסגעשפּראָצטע קאָרן, מיר זיינען איהם אַלע אַנטקעגען געלאָפען ?

איז עס ניט דערזעלביגער ? זעהט דען דער וואַלד אַנדערש אויס ווי דאַמאָלס ?

אָט וועט באַלד אימעצער קומען און מיר זאָגען אַז עס איז נאָך פריהלינג...

פון יענער זייט טייך לאָזט אַן ענטעל אַרויס אַ גריל־צענדען „קוואַ־קוואַ״...

און עפּעס אין מיר פּאַלט צוזאַמען :
דער זומער איז פאַרגאַנגען.

* * *

היינט האָט מען אָפּגעשניטען די לעצטע תבואה. אויפגעבונדען אין גאַרבען שטעהען די ווייס־געלע זאַנ־גען. איך געה אויף די אָפּגעשניטענע בייטען און פיהל די שטרוי־וואָרצלען אונטער מיינע פיס ווי שאַרפע נאָד־לען. נעבען מיר געהט דער פּאַרמער און דערצעהלט מיר, וואָס פּאַר אַ געוויטערניש עס איז היי־יאָהר. זיין פּנים

איז אויפגעראַמט. אַ נייעם שייער וועט ער פאַר דאָס געלט בויען, נאָך אַ קוה וועט ער קויפען, און ווייב און קינדער וועט ער בעקליידען.

דאָס איז אַלזאָ דער פועל יוצא ? — פרעג איך, און טראַכט פון די וויכע גראָזיגע הקדמות, פון די גרינע זאַנגען וואָס דער ווינד פלעגט שטיפענדיג צו־שויבערען, און דערנאָך, פון די גאָלדענע וועלען אויף וועלכע דאָס ליכט האָט זיך אַזוי וואונדערשעהן געביטען, ווען די זון האָט זיך אין בעהעלטענים געשפיעלט, הינטער ווייסע פעדערדיגע וואָלקענדלעך...

דער פאַרמער וויים ניט וואָס איך טראַכט, און ער חזר'ט איבער, אַז היינטיגס יאָהר איז אַ מזל־ברכה.

* * *

איך האָב זיך אָפגעשטעלט נעבען אַ סאָסנע.

זי איז אייביג גרין — האָב איך צו זיך געזאָגט — און אויף איהר איז דער אָסיען ניט שולט...

אַ ווינד איז דורכגעלאָפען דורך די צווייגען און די גרינע נאָדלען האָבען זיך געקלאַפט איינע אָן דער אַנ־דערער. און מיך איז אַן אומעט בעפאַלען.

זי פאַרשטעלט זיך און טראָגט דעם אָסיען אין האַר־צען — האָט פון ערגעץ אין מיין אויער גערוישט...

* * *

פונ'ם ברעג קוק איך אַרונטער אויף דער שטאָהל־גראָער אויבערפלעך פונ'ם טייך... דער וואַלד פון יענער זייט ווערט פינסטערער און פינסטערער, און פון דאָרטען

שווימען אַהער אויף דעם שטילען, גלאַטען וואַסער, טויטע בלעטער...

און דאָס ציהט זיך אַזוי נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד...

איך שטעק אַריין מיין האַנד צווישען דער שווימענדער מחנה און נעהם אַרויס אַן איינצעלן בלאַט, און טריקען עס אָפּ און וואַרעם עס, און הויך דערויף.

און די גרויסע פּראָצעסיע פון טויטע בלעטער שווימט און טראָגט זיך אַראָפּ טייך־צו, נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד...

.1912

שונמית:

ש ו נ מ י ת

(ביבליש בילד)

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

ק ע נ י ג ד ו ד, 70 יאָהר אַלט.
ש ב נ א, אויפזעהער פון קעניגליכען הויף, 40 יאָהר אַלט.
ז ב ד י ה, דעם קעניג'ס לייב בעדיענטער, 20 יאָהר אַלט.
ד י ש ו נ מ י ת, אַ בויערן-מיידעל, 16 יאָהר אַלט.

אַן אינוועניג צימער אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. דוד זיצט האַלב אָנגעלעהנט אויף אַ הויפען פון קי־שענס און טעפּיכער. אויף זיינע פיס איז אַ דעקע פון

טיגער־פעל. ער קוקט געשפּאַנט צו דעם אײַנגאַנג.
שטאַרק אונרוהיג.

זבדיה.

(בעוױיזט זיך אין אײַנגאַנג. בוקט זיך)

שבנא וואַרט אין דעם פאָדער-צימער.

דוד.

לאָז איהם אַריין.

(זבדיה אָב).

שבנא.

(אין טהיר, זיך טיעף בױגענדיג)

פריעדען צו דעם הערשער פון יהודה!

דוד.

(מאַכט אַ בעװעגונג, װי ער װאָלט זיך װעלען אױפשטעלען,
אָבער בלײבט זיצען).

האָסטו ערפילט מײן שליחות?

שבנא.

(קומט נעהענטער)

דער גאָט, וועלכער שפּרייט זיין שוץ איבער דיין טהראָן, איז מיין וועגווייזער געוועזען...

דוד.

(אונגעדולדיג)

און ?....

שבנא.

און האָט מיר צו דער האַנד געבראַכט אַ בליהענדע רויז, וואָס וועט דיין הארץ בערופּטיגען. זעכצעהן יאָהר איז זי אַלט...

דוד.

(מיט שטראַהלענדע אויגען)

דערצעהל !

שבנא.

פון איין ברעג יהודה ביז דעם אַנדערען האָב איך געוואַנדערט. אונזערע קעמלען האָבען הונדערטער מיילען דורכגעטראָטען, און מיין ערפאַהרען אויג האָט געשפּיאָנט

און געזוכט צווישען די בערג-בעוואוינער און צווישען דער בעפעלקערונג פון די טהאָלען... דו האָסט בעפוילען זי זאָל זיין יונג און שעהן און אונשולדיג... אַזעלכע, וואָס ליעבט הארפען-שפּיעל און קען זינגען, וואָס איז גלוטיג און ליי־דענשאַפטליך, און איז נאָך קיינמאָל ניט געצערטעלט גע־וואָרען פון אַ מענער־האַנד... אָרעם און בעשיידען, און טריי און איבערגעבען צו איהרע עלטערען... אַזעלכע, וואָס זאָל אַ נייע יוגענד דיר ברענגען, און אין דיינע אָדערען פרישע פונקען צינדען... שווער איז געווען דאָס זוכען, און איך האָב שיער ניט פאַרצווייפעלט, אָבער אין דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם דאָרף שונם — דאָרט, וואו עס וואוינט אַן אָרעם בויערן־פאָלק, האָב איך זי געפונען... איך האָב זי צוערשט געטראָפען, טראָגענדיג אַ קרוג וואַ־סער פון דעם דאָרף־ברונעם, און דאָס ליעד, וואָס זי האָט דערביי געזונגען, האָט פאַרהילכט די גאַנצע לאָנקע...

דוד.

און דו האָסט זיך צו איהר געווענדעט...

שבנא.

איך בין איהרע טריט נאָכגעגאַנגען ביז צו איהר וואוינונג, און איהרע עלטערען אַנטפּלעקט דיין קעניג־

ליבען וואונש... איך האָב זיי אַ וויינגאָרטען צוגעזאָגט און צעהן אַקער לאַנד און אַ סטאַדע שעפּסען...

דוד.

— און זיי האָבען זיך דערפרעהט

שבנא.

זיי האָבען איינגעווילינט... זי איז געווען די עלטסטע. נאָך צעהן קינדער זיינען געווען אין דער קליינער חורבה, און די לייט זיינען געווען אָרעם און אָהן שפּייז... מען האָט דאָס מיידעל גערופען... אָרום זיינען די איינגערע עופה׳לעך געשטאָנען, נאַקעטע, פאַרהונגערטע, און האָבען זיך אָן איהרע קליידער געהאַלטען... און דאָס מיידעל האָט געזאָגט: איך וועל טהאָן דעם בעגעהר פון מיין פאָטער און מיין מוטער... און היינט בעגינען איז זי מיט אונזער קאַראַוואַנע אין ירושלים אָנגעקומען...

דוד.

(האַסטיג)

וואו איז זי ?...

שבנא.

זי איז אין דעם שוץ פון דיין שלאָס...

דוד.

(בעלעבט)

ווי זעהט זי אויס ?...

שבנא.

זי איז פריש ווי דער טהוי וואָס פאַלט אויף די גראָזען פון חרמון. איהרע גליעדער זיינען ווייך און בויגיג ווי די ווערבעס, וועלכע וויעגען זיך איבער דעם טייך שילוח, און איהר שטים טרעלט ווי די זילבער־גלעקלעך אויף דעם כהן־גדול'ס אפוד...

דוד.

און די אויגען ?...

שבנא.

שווארצע, גרויסע, ווי די אויגען פון אַ יונגער הירשין אויף די בשמים־בערג... און דאָס ליכט אין זיי בייט זיך ווי אַ שטראַהל אויפ'ן וואסער, ווען דאָס מיטאָג־ווינדטעל בלאָזט...

דוד.

זיינען זיי פייערדיג ?...

שבנא.

ווי צוויי וואולקאנען מיט א נעבעל־שלייער פארצויגען. א געבארענע קעניגין. אבער מילד ווי א טורטעלטויב און גרייט צו ערפילען דעם וואונש פון איהר הערשער.

דוד.

(אין זיך געקעהרט)

א צענטער גאלד זאלסטו קריגען אויסגעצאהלט פון מיין שאץ־קאמער. (בויגט מיט'ן קאפ צום צייכען, אז ער זאל איהם פארלאזען) היים מען זאל זי ברינגען.

(שבנא אב).

דוד.

(אליין, שטארק אויפגערעגט און בלייך)

גאט! ווי איך ציטער... איך, וואס האב אלס פאסטוך א קעניג־טאכטער אמאל מיט מיינע בלויזע בליקען בעצוואונגען... איך שרעק זיך פאר אן ארעמער דארפסמיידעל... וועט זי מיך ליעבען ?... ער האט געזאגט זי האט שעהנע גרויסע אויגען. וועל איך אין זיי קענען אריינקוקען מיט מיין אמאליגער זיכערקייט ?... זיי בעזיעגען מיט מיין אלטען צויבער ?... זיי וועלען פאלען אויף מיינע איינגעשרומפפטע באקען, אויף מיין געלען

גערונצעלטען שטערען, און אויף מיין פארשנעעטעז קאפ,
און זיי וועלען מיר דערצעהלען אז מיין גאלד און מיין
קעניג־מאכט האבען זי אהער געבראכט... איך וועל אין
זיי זעהן דעם גלאנץ פון א מארטירערין און וועל צוריק־
שוידערען... זי וועט מיך קוסען און וועט טראכטען, אז
מיט די קוסען בעצאהלט זי פאר איהר פאטער'ס צעהן
אקער לאנד, און פארזארגט איהרע ארעמע ברידער און
שוועסטער... זי וועט זיך ניט וועהרען און ניט ראנגלען
אין מיינע ארעמס. זי וועט מיינע קאלטע ליפען זויגען,
ווען איך וועל איהר הייסען, זי וועט זיך צו מיין ברוסט
דריקען ווען איך וועל עס בעגעהרען, זי וועט שמייכלען
אויף מיין בעפעהל, און זי וועט טאנצען ווען עס וועט
אזוי געפעלען מיין קאפריז... אבער איהרע אויגען?...
זיי וועלען קוקען אויף מיר מילד, תחנונים'דיג... זיי
וועלען מיך ניט טראצען, מיך ניט טאדלען, נאר ב ע ט ע ן
וועלען זיי — בעטען אין דעם נאמען פון איהר יוגענד
און איהר אונשולד, איך זאל זי אפלאזען... (בעקוקט זיין
געזיכט אין א זילבער־בלעך) וועט זי דאס יונגע דיכטער־
הארץ זעהן אונטער דעם אלטען קעניג'ס קנייטשען?...

זבדיה.

(אין איינגאנג. זיך בוקענדיג)

די שונמית איז געקומען...

דוד.

(פריידיג)

רוף זי אריין... (פארטראכט זיך) ניין, נאך ניט !... לאז זי ווארטען א ווײלע און שפעטער זאל זי אריינגעבראכט ווערען. (שטעלט זיך, ארונטערוואַרפענדיג פון די פיס די טיגער־דעקע. גלייכט זיך אויס, זיך בעמיהענדיג צו ערשיינען יונג) קום, פארפלעכט מיינע לאקען, בעשפריץ מיך מיט מירע און צינד אן די ווייהרויך־פאן...

(דער דיענער צינדט אן די ווייהרויך־פאן און בעשעפטיגט זיך ארום דעם קעניג).

דוד.

זבדיה, זאג מיר, האסט א געליעבטע ?...

זבדיה.

(פארווירט)

זי איז אין גליל... איך זעה זי בלויז זעלטען.

דוד.

פרעהט זי זיך, ווען דו בעזוכסט זי ?... קוסט זי דיך פיעל, ווען דו קומסט אהין ?...

זבדיה.

(פאַרשעהמט)

זי האָט מיך זעהר ליעב... מיר זיינען פאַרקנאַסט נאָך פון יאָהרען צוריק, ווען איך האָב נאָך געאַרבייט אין די דאָרטיגע וויינגערטנער אַלס טאָג־לויהנער...

דוד.

און זי בענקט נאָך דיר, ווען זי זעהט דיך ניט?

זבדיה.

זי וויינט, ווען איך פאַרלאָז זי, און צעהלט די טעג ביז מיין נעקסטען אורלויב...

דוד.

(פאַראינטערעסירט)

דערצעהל מיר ווי זי האָט דיך אויפגענומען, ווען דו ביזט לעצטען מאָל געוועזען זי זעהן... מאָרגען זאָלסטו אויף אַ וואָך קיין גליל געהן, און דיין כלה פון מיר אַ גאָלדענעם אָרעם־באַנד ברענגען... אָבער דערצעהל ווי האָט זי דיך אויפגענומען...

זבדיה.

זי איז געוועזן אין פעלד... שניט־צייט איז עס געווע־זען, און דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט גאַרבען געבונדען... זי האָט מיך דערזעהן פון גאַנץ ווייט און האָט זיך געלאָזט לויפען באָרפוס איבער די אָפּגעשניטענע בייטען דורך אויפגעשטעלטע רייהען פון גאַרבען... אין איהר האַנד האָט זי נאָך געהאַלטען אַ שטרוי־באַנד, מיט וועלכען מען פאַרבינדט די זאַנגען און...

דוד.

...זי איז דיר געפאַלען אויפ'ן האַלז ?

זבדיה.

זי האָט מיר לאַכענדיג אַרום דעם קאָפּ דעם שטרוי־באַנד געקניפּט און געזאָגט, אַז איך בין איהר געקרוינ־טער... (פאַרהאַלט זיך).

דוד.

(שמייכלענדיג)

איהר געקרוינטער מלך... (ערנסט) האָסטו זי געבע־טען, זי זאָל דיך פעסט צום האַרצען דריקען ?... האָסט איהר ג ע ה י י ס ע ן זי זאָל דיך קוסען ?...

זבדיה.

(צומישט פון די פראַגען)

זי... מיר האָבען פון פרייד ניט געקענט אַ וואָרט ריידען... מיר האָבען...

דוד.

(ערמוטהיגעדיג)

דערצעהל...

זבדיה.

מיר האָבען קוסענדיג זיך אָן אַלץ פארגעסען... ביז איהר פאָטער האָט אונז צוגעשריען, מיר זאָלען קומען אויפ'ן פעלד...

דוד.

(מיט אַן אויסדרוק פון אונטערדריקטען שמערץ)

ברענגסטו איהר מתנות, ווען דו קומסט ?...

זבדיה.

זי וויל איך זאָל די געלדשטיקער שפּאָרען ביז מיר וועלען אַ ווייגגאָרטען קויפען און וועלען חתונה האָבען...

דוד.

(אָנגעהמענדיג פּלוצלינג אַ מינע פון שטרענגער קעניג־ווירדע)

רוף אַריין די שונמית !...

(זבדיה אָב. דער קעניג ווערט שטאַרק צוטראָגען. זיינע הענד טרייסלען זיך לייכט).

די שונמית.

(זיך בוקענדיג, צומישט)

פריעדען צו דעם קעניג !

דוד.

(קוקט זי אָן אַ לענגערע צייט, ענטציקט פון איהר שעהנהייט און נאָך מעהר נערוועז)

דו ביזט שעהן... וואונדער־שעהן ביזטו...

די שונמית.

(ווי איבערזאָגענדיג אימעצענס רייד)

געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיר געגעבען לייט־זעליגקייט אין די אויגען פון דעם גנעדיגען קעניג.

(זי קוקט אויף איהם צושראָקען, ווי ניט וויסענדיג, וואָס זי דאַרף אייגענטליך טהאָן).

דוד.

(צערטליך)

קענסטו זינגען און שפּיעלען אויף אַ גיטאַרע ?...

די שונמית.

אין אונזער דאָרף זינגען און שפּיעלען מיר אַלע...

דוד.

(נעהמט אַרונטער פון דער וואַנד אַ גאָלדענע גיטאַרע, זעצט די שונמית אַוועק נעבען זיך אויף אַ טעפּיך און זאָגט):

שפּיעל אַ ליעבעס־ליעד, ווי מען שפּיעלט עס ביי אייך אין שונם...

די שונמית.

(זי קוקט נאָך אַלץ ווי אַ צושראָקענע הינדין... לאַנגזאַם בע־ריהרט זי די סטרונעס, דאַן הויבט זי אָן צו זינגען, בעגלייטענדיג זיך אַליין אויפ'ן אינסטרומענט)

צעהן טויזענדער פּלשתים
דער'הרג'עט דער גבור,
און קומט אַ געקרוינטער
צוריק צו זיין ליעבער...

מיט שווערד אויפ'ן גאַרטעל,
און זיעג אויפ'ן שטערען,
איהר קומט ער צו קוסען
פון ד'אויגען די טהרערען...

ער שענקט איהר זיין צעפטער,
ער זעצט זי אויף טהראָנען,
ער בויט איהר פּאַלאַצען,
ביים באַרג פון לבנון...

זי ליעגט אויף דער ברוסט איהם,
זי וויל ניט קיין קרוינען,
זי וויל ער זאָל ליעבע
מיט ליעבע בעלוינען...

(דער קעניג האָט אין דער צייט פון איהר זינגען געהאַלטען פאַרדעקט דאָס געזיכט. די אויגען פון שונמית גליהען און קוקען פאַרטרוימט...)

דוד.

דיר געפעהלט, ווי איך זעה, דאָס ליעד ?...

די שונמית.

עס איז דאָס שענסטע, וואָס ווערט געזונגען אין

אונזער געגענד צווישען די פעלד־ארבייטער, און ס'איז מיין ליעבלינג...

דוד.

ווער האָט פאַרפּאַסט דאָס שעהנע ליעד ?

די שונמית.

(נאַאיוו)

איך ווייס ניט... עס געהט אַרום אין פאָלק שוין פון צעהנדליגע יאָהרען, נאָך פון די צייטען, ווען די קריעגער פלעגען אַרויסגעהן אין שלאַכט אַקעגען די פּלשתים.

דוד.

(שמייכלענדיג)

ווען דו זינגסט עס, טראַכסטו אודאי פון דעם מאַן, וואָס האָט דאָס ליעד פאַרפאַסט ?...

די שונמית.

(פאַר'חלומ'ט)

ער האָט געמוזט זיין שעהן און הויך, מיט רויטע ליפּען און שווארצע ווייכע אויגען...

דוד.

אַלע אייערע מיידלעך אין שונם וואָלטען זיך געווים פאַרליעבט אין איהם, ווען ער זאָל זיך בעוויזען אין דאָרף...

די שונמית.

(שטיל)

מיר וואָלטען איהם פאַרגעטערט...

דוד.

(איראָניש)

אפשר לעבט ער ערגעץ וואו, און איז פאַרקריפּעלט פון קריעג און אַלט און געבויגען און זיינע יאָסלעס זיינען אָהן צייהנער ?...

די שונמית.

(דערשראָקען)

אָבער ווי קען דאָס זיין ?...

דוד.

מיין קינד, ער האָט דאָך אייביג ניט געקענט יונג זיין...

די שונמית.

(מיט קינדערשער עקשנות)

ביי אונז איז ער אייביג יונג. (איהרע אויגען צינדען זיך אָן) איך קען איהם זעהן פאַר מיינע אויגען, דעם שעהנעם זינגער...

דוד.

(מיט אונטערדריקטער ביטערקייט)

אָט מאָל מיר איהם אויס... איך וועל זיצען נעבען דיר און הערען...

די שונמית.

(הינגעריסען)

ער איז גלייך ווי אַ פּאַלמען־בוים און פון זיינע אויגען שלאָגען גאַנצע גאַרבען פון וואַרעמע, צערטליכע שטראַהלען... זיינע ליפּען זיינען ווי בעפאַרבען מיט דעם פרישען סאָק פון רויטע וויינטרויבען... זיינע באַקען זיינען לייכט געדויטעלט ווי דער ערשטער סימן פון דעם מאָרגענ'ס קומען, און זיינע געקרייזעלטע לאָקען פּלאַטערען און פּלאַנטערען זיך ווי אַ געדיכטע מחנה פון שפּיעלענדע ראָבען... אַ זילבערנער גאַרטעל נעהמט אַרום

זיינע הויכע שלאַנקע לענדען, אויפ'ן קאָפּ גלאַנצט זיין בעציערטער קיווער און סאַנדאַלען פון ווייסען הירש־פעל טראָגט ער אויף די פיס, און אין דער האַנד האַלט ער אַ גאָלדענע האַרפע...

דוד.

(זיינע אויגען שיינען און ער איז ווי פאַרוונגט)

...און ווען ער געהט אויף דער גאַס, שטעקען זיך אַרויס פאַרשלייערטע קעפּ, און קוקען נאָך זיינע טריט, מיט ברענענדע בליקען... און הערצער קלאַפּען און לעכצען נאָך דעם העלדישען זינגער...

די שונמית.

(ריידענדיג אַליין מיט מעהר גלוט און פאַרגעסענדיג די גע־גענוואַרט פון דעם קעניג)

און ווען ער זינגט אָדער ער שפּיעלט אויף זיין האַרפע, צוגיסט ער ווילדע פאַרלאַנגען אין די הערצער, און יעדער וויל זיינע ליפּען קוסען, זיך צו זיין ברוסט פּרעסען, איהם די לאָקען שטרייפען, איהם אַלע זיינע גליהענדע געזאַנגען אַרויסזויגען און אין זיינע אַרעמס פאַרגעהן און...

(דוד לייגט זיין האַנד אויף דעם האַלז פון דער שונמית. זי ציטערט אויף און פאַרשטומט).

דוד.

(געפּיהלפּול)

שונמית, לעג דיין קאָפּ אויף מיין שויס...

די שונמית.

(שוידערט אויף, ווי אַ פראָסט וואָלט זי דורכגענומען און געהאַרכט מעכאַניש).

מיין שעהן קינד, און איצט אויך נאָך וואָלסטו געליעבט יענעם קריעגער, ווען דו זאָלסט איהם זעהן ?

די שונמית.

(מיט אַן אויסדרוק פון פאַרזיכט)

מיין ליעבע געהערט צו דעם קעניג...

דוד.

(מיט אַ טרויריגען שמייכעל)

דיין קערפּער בלויז... דו ביזט צו יונג צו זאָגען ליגען,
און דיין ליגען וועט פון מיר קיין לויהן ניט קריגען...
זאָג מיר, דו וואָלסט איהם זעהר געליעבט ?

די שונמית.

(קוקט צוערשט מיסטרויאיש אויפ'ן קעניג, דאַן וויעגט זי
לאַנגזאַם דעם קאָפּ אויף „יא").

דוד.

ניט אַכטענדיג וואָס ער וואָלט זיין אַלט און וואָלט
ניט מעהר אויסזעהן ווי דו האָסט איהם געשילדערט ?...

די שונמית.

אָבער זיינע ליעדער, זיינע זיסע ליעדער ?...

דוד.

און דו וואָלסט איהם דיין יוגענד און דיין ליעבע
נעגעבען צוליעב זיינע זיסע ליעדער ?...

די שונמית.

(שטיל און פעסט)

יא !...

דוד.

(גליהענדיג פון ליידענשאַפט, ציהט זי פּלוצלונג צו זיך)

קום די ליפּען מיינע... גיס אריין דיין ווירציגע נשמה
אין מיר...

די שונמית.

(נעהמט איהם אַרום און קוסט איהם לאַנגזאַם).

דוד.

דו ביזט קאַלט... דיינע הענד זיינען פראָסטיג, דיינע ליפּען זיינען אייז, און דו ביזט בלייך... שענק מיר אַלע דיינע פאַרבאָרגענע פלאַמען...

די שונמית.

(דריקט זיך צו איהם, קעמפּפענדיג מיט איהר ווידערווילען).

דוד.

דו האָסט דאָך פאַרשפּראָכען צו ליעבען...

די שונמית.

(לעבלאָז)

איך האָב פאַרשפּראָכען צו טהאָן אַלצדינג, וואָס דער קעניג וועט פאַרלאַנגען...

דוד.

ניין, ניט דאָס... דו האָסט דאָך פאַרשפּראָכען צו ליעבען יענעם זינגער...

די שונמית.

(קוקט אויף איהם פאַרוויִרט).

דוד.

א י ך בין עס...

די שונמית.

(מיט שטאַרע אויגען)

דו ?..... (זי מעסט איהם אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, ווי זוכענדיג די שוואַרצע לאָקען, די מעכטיגע ברוסט און די העלדישע לענדען).

דוד.

(ענטפערענדיג איהר בליק)

ד אַ מ אָ ל ס בין איך געווען ווי דו האָסט מיך אויסגעמאָלט...

די שונמית.

(שווידערט).

דוד.

אָבער די ליעדער, די שעהנע ליעדער ?...

די שונמית.

(קאַלט, מיט אָנגעשטרענגטער צערטליכקייט)

איך וועל טהאָן אַלצדינג וואָס דער קעניג וועט בע־
געהרען...

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

לעגענדע און האַלב-לעגענדע

פורפור־וואלקענס

די דריי־טעג־אלטע זונן, א גרויסע, א פייערדיגע, א רונדע, האט זיך לעבצענדיג געצויגען צו דער ברוסט פון דעם פיער־טעג־אלטען ים... און דער פארליעבטער ריעז האט זיך געהויבען, און געקרויזט זיינע וואסערדיגע ליפען, און זיך געשטרעקט צו איהר אום זי ארייַנצוזויגען מיט איהר גאנצער גלוט...

די פינגער פון דעם בורא האבען מיט א לעצטען ריהר, דערענדיגט דאס מייסטער־ווערק — דעם מענשען, און די וועלט איז געווען פאלקאמען.

און דער מייסטער־בעשעפער האט זיך צוריקגעצויגען איבער אלע הימלען, און האט נאך אמאל בעקוקט די שטערען און די ערד און דעם ים, און די פישען, און די פויגלען.

— געלונגען !

אבער דער בורא האט פון אימעצענ׳ס ליפען דאס ווארט הערען געוואלט. אפשר, אפשר פעהלט נאך עפעס?...

אפשר א ווינקעל פליגעלע ערגעץ אויף א קאלירטען זומער־פויגעלע, ניט דערפארבען אקוראט ריכטיג ?

אפשר א שופ פון א פיצעלע פיש אין א פארוואר־פענעם טייך, ניט גענוי אפגעצירקעלט ?

אפשר אן אונטערשט בלעטעלע פון אן איינזאמען קוסט ערגעץ אין א בארג־שפאלט פארקריפעלט געלאזט?...

און געזיפצט האט ער...

איז דער גאנצער הימעל־חיל געקומען אין ענט־פער אויף דעם דאזיגען זיפץ, און האבען געווארט אויף א בעפעהל.

— „פעהלט עפעס, ערגעץ־וואו ?"

— „אלצדינג איז פאלקאמען" — האבען ענטציקטע מיליאנען אין כאר געענטפערט, און דער גערויש פון די פליגלען איז געווען ווי דאס רוישען פון הונדערט ים'ען.

— „האט איהר גאר ניט באמערקט ? א שטויב א ניט־פארטיגען ?"

— „גאר ניט, גאר ניט, הארר פון די וועלטען".

— „האט איהר ניט א געקריוודעטען טהוי־טראפען ערגעץ וואו דערזעהן ?"

— „אלץ איז פאלקאמענהייט און שעהנהייט".

— „עס פעהלט לחלוטין גאר ניט ?"

— „עס פעהלט..."

די גרויסע מחנה פון מיליאסען ליכטיגע קעפ האט זיך צוטרייסעלט אזוי ווי א שטורעם וואלט זיי צורודערט.

אימיצער האט דעם הימעל פאראונרייניגט.

און כביכול׳ם געזיכט האָט זיך בעוויקעלט מיט דיקע ד ו נ ק ע ל ע ו ו אָ ל ק ע ן ־ פּ אַ ל ד ע ן, און מיט שטילער טרויריגקייט האָט ער געפרעגט: —

„זאָג, מיין קינד, עס איז נאָך צייט... איך וועל צוריק אויף דער ערד אַרונטערנידערן, און נייע זעקס טעג וועל איך שאַפען, נאָר פאָלקאָמען זאָל עס זיין...״

— „מייסטער פון הימעל״ — האָט די זעלביגע שטים געענטפערט — „עס פעהלט דער וואָס זאָל קענען אַ זאַ פּ אָ ל ק אָ מ ע נ ה י י ט בעזינגען... אַ שעפּפער ווי דו וואָלט ער מוזען זיין...״

און איבער דעם בורא׳ס געזיכט האָט זיך אַ עניוות׳־דיגער פורפור צוגאָסען...

און דאָס זיינען די ו ו אָ ל ק ע נ ס, און דער פּ ו ר פּ ו ר, וואָס מען זעהט ווען די זונן פאַרגעהט...

1911.

איסטהר

דאַן זיינען נאָך די הימלען און די ערד געווען יונג, און די נאָהנטע קרובה'שאַפט פוןביידען האָט זיך ווי אַ צערטליכער הויך אין דער לופט געפיהלט, און דער נאַקעטער יעגער־מענש וואַנדערנדיג איבער די ווייטע גראָז־סטעפּעס אָדער דורך דעם שטילען צווייג־פּלאָנטער פון דעם ריעזען־וואַלד, האָט אָפט פאַרנעהמען געקענט דעם אָפּקלאַנג פון די הימלישע כאָרען...

דאָרט וואו די רויטע זונן איז יעדען פאַרנאַכט אַרונטערגעזונקען, איז אַ טהויער געוועזען מיט אַ רויז־רויטען גאַרדין פאַרהאַנגען... און פאַסירען פלעגט אָפט, אַז אַ ווייסער מלאך פלעגט פאַמעליך פאַנאַנדערעפענען די גאַרדינען, אַרויסשטעקען זיין גאָלד־געלען לאָקען־קאָפּ און זיך אַרומקוקען מיט נאַאיוו־בלאָע אויגען, אויף די בליהענדע אונטער־הימלישע וועלט, און דאַן נייגיריג אַרויספלאַטערען...

איבער די בערג איז ער געפלויגען, אין די טהאָלען

האָט ער אַראָפּגענידערט און זיך גע'חידוש'ט און אָנגע־קוואָלען פון אַלץ וואָס זיין אויג האָט געזעהן...

אויף מאָרגען פלעגט דער שטעג, וועלכען דאָס ווייסע הימעל־קינד האָט געטרעטען אויף דער לאָנקע, זיין בע־דעקט מיט גאָלדענע, רויטע, און בלאָע קווייטען...

און שעהנער פון אַלע מלאכים וואָס האָבען די ערד בעזוכט איז געווען שמחזאי, און האָלד געהאַט האָט ער די פעלדער און די וועלדער מעהר ווי די הימלען, און יעדען טאָג, פלעגט ער זיך אַרוים'גנב'ען, און זיך אומ־שפּיעלען צווישען די הויכע גראָזען, און שטיפען מיט די בלאָע שאָטענס פון די שלאַנקע פּאַלם־בוימער.

אָבער שמחזאי האָט מיט אַמאָל גענומען בענקען. ער האָט געהערט אַז אויף דער ערד זיינען דאָ מענשען, און איהם האָט זיך גערעכט, אַז זיי מוזען זיין ליעבליך און פול מיט חן אָהן אַ שיעור, און שעהנער פיעל פון די מלאכים...

איהם האָט זיך געוואָלט זעהן אַ מענשען.

און געזוכט האָט ער און געפרעגט האָט ער ביי די קאָלירטע בארג־פויגלען: —

„ווי זעהען אוים די מענשען? זיינען זיי טאַקע וואונדער־שעהן? האָט איהר אַמאָל געהאַט דעם זכות זיי פון נאָהנטען צו בעקוקען?—"

האָבען זיי איהם אָנגעוויזען אויף אַ טייך, וואָס האָט ווייס געשימערט אין די שטראַהלען פון דער זונן.

נייגיריג און שעמעוודיג, און זיך נאָכאַנאַנד אַרומ־קוקענדיג, איז דער מלאך האַלב געפלויגען האַלב געגאַנ־גען אַהין, וואו דאָס וואַסער האָט געגלאַנצט... צווישען די בוימער וואָס האָבען דעם ברעג געזוימט, האָט ער זיך בעהאַלטען און פון דאָרטען געקוקט און געזוכט.

דאַן האָט ער דערזעהן, די שעהנע איסטהר באָדענ־דיג איהרע ווייסע גליעדער, אונטער אַן אריבערהענגענ־דען ווערבע־בוים. אַרום איהר האָט זיך דאָס וואַסער געפליושקעט און געשוימעלט, און איבער איהר קאָפּ האָבען געשפריצט און געבלישטשעט די וואַסער־טראָ־פּענס...

שמחזאי'ס מלאך־האַרץ האָט אונטער זיין בעפלי־געלטער ברוסט זיך מיט אַ ווילדער לוסט צוברענט...

דעם הימעל האָט ער פאַרגעסען... און ווען אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין דעם מערב, צום צייכען אַז אַלע מלאכים דאַרפען שירה זינגען, האָט שמחזאי זיינע פליג־לען אַזוי אויסגעשפּרייט, אַז ער זאָל דעם צייכען ניט זעהן, און ער זאָל קענען קוקען אויף איסטהר'ס ווייסען לייב, אויף איהרע שוואַרצע האָאר־צעפּ, און אויף איהרע גרויסע דונקעלע אויגען...

און ווען ער האָט גערעדט צו איהר, און איהרע רויטע ליפען האָבען זיך געעפענט איהם אַן ענטפער צו געבען, און איהר שטים האָט אַרויסגעקלונגען אין דער טייך־ און וואַלד־איינזאַמקייט, האָט זיך שמחזאי'ן געדאַכט, אַז אַזעלכע שעהנע טענער האָט ער נאָך קיינ־

מאָל ניט געהערט, ניט אויף דער ערד און ניט אויפ'ן הימעל...

און שמחזאי איז געבליבען אויף דער ערד, און גע־גליהט האָט אין איהם בלויז איין בעגעהר — דער בע־געהר צו איסטהר'ן...

יעדען טאָג פלעגען איסטהר'ס ריינע אויגען איהם אָנקוקען מיט אַ געבעט און איהר צונג האָט איהם גע־מוסר'ט : —

„ווארום געהסטו ניט אין דיין הימעל צוריק ?" —

„דיין ווייסען לייב וויל איך" — פלעגט זיין תשובה זיין.

און איינמאָל ווען זיינע ווערטער זיינען געוואָרען הייסער און דרינגענדער ווי געוועהנליך, האָט אין איס־טהר'ס אויג זיך אַ פונק בעוויזען און זי האָט געזאָגט:—

„מיין ווייסען לייב זאָלסטו האָבען, אָבער מיט איין בעדינג..."

„אָלץ, אָלץ..."

„בלויז איין בעדינג... דו זאָלסט מיך דעם הייליגען שפרוך אויסלערנען, מיט וועלכען דו הויבסט זיך אויף צו די הימלען..."

די ברענענדע ליפּען האָבען דאָס הייליגע וואָרט אַרויסגערעדט...

אָבער ווען שמחזאי האָט געוואָלט איסטהר'ן צו זיין ברוסט צודריקען, איהר די רויטע ליפּען קוסען, זיך אין איהרע האָאר פאַרפלעכטען, און דעם פולען לויהן

פון זיין הימעל־פארשוועבונג געניסען — זיינען זיינע פליגלען פון שרעק צוזאמענגעפאלען...

איסטהר איז אין א ווייסען שטראהל מגולגל געווא־רען, און האט הימעל־ווערטס העבער און העבער זיך גע־הויבען... דארט איז זי אלס א לייכטענדער שטערען הענגען געבליבען...

אבער שמחזאי איז מעהר אין הימעל ניט ארויף... א זינדיגער איז ער אויף דער ערד פארבליבען...

.1910

אדם הראשון׳ס שעהנהייט

שעהן, וואונדער־שעהן איז אדם הראשון געוועזן, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל זיינע אויגען געעפענט, צום ערשטען מאָל אין זיינע נאָז־לעכער די באַלזאַמיגע לופט פון דער יונגער וועלט אַריינגעצויגען, און צום ערשטען מאָל דעם לעבען אַנטקעגען געשמייכעלט... כביכול׳ס שאַפענדע פינגער האָבען אויף זיין פנים זייער שימער פאַרטריפט, און ער האָט געלויכטען מיט דער ליכטיגקייט פונ׳ם זיבענטען הימעל...

און ווען ער האָט זיינע פרישע גליעדער אויסגעשטרעקט, און הויך און גלייך, מיט געוועלבטער ברוסט, זיין ערשטען שפּאַציר דורכ׳ן גן־עדן געמאַכט, האָבען אַלע גראָזען און בלאָע בלומעלעך זיך געוואונשען ער זאָל איבער זיי זיין וועג מאַכען, כדי זיי זאָלען קענען די ווייסע הויט פון זיין פוס־זויל אַ קוש טהאָן...

די בליהונגען פון די בוימער האָבען זיך פאַר דער צייט פון זייערע שטענגלעך אָפּגעריסען, און זיך געאײַלט אַראָפּצופאַלען, אום זיי זאָלען פאַלענדיג, זיין שולטער אויף אַ רגע בעריהרען...

די זונן־שטראַהלען האָבען זיך געריסען דורך די צווייג־נעצען, כאָטש איין מינוט צו קענען אַרום זיינע שוואַרצע לאַנגע האָאר אַרומטאַנצען...

די פויגלען האָבען אַריינגעקוקט אין זיינע גרויסע רוהיגע אויגען, און האָבען געוואָרט ער זאָל פון זיינע ליפּען א קול אַרויסלאָזען... און גאָלדענע ביענען זיינען איהם נאָכגעפלויגען, אום עפּעס פון זיין ריח צו נאַשען, און עס דערנאָך אין זייער האָניג אַריינצואָטהעמען...

און די הויכע פּאַלמען האָבען זיך צוגעבויגען שפּיץ צו שפּיץ און זיך צוגעמורמעלט: —

„גאָט געהט אין גן־עדן אום..."

און די מלאכים האָבען דערהערט די שושקעריי פון די פּאַלמען, און זיי זיינען געקומען ז ע ה ן ג אָ ט....

שירה זינגען האָבען זיי פאַר איהם געוואָלט...

און כביכול פון זיין טהראָן האָט זיך מיט זיין אַר־בייט געפרעהט, אָבער שירה האָבען די מלאכים צו אדם׳ן נ י ט געזונגען — :

אויף אדם׳ס ברעמען איז פּלוצלונג אַ שווערער שלאָף געפאַלען, און האַלב־טויט זיינען זיינע גליעדער געלעגען אויף דער שטילער ערד...

אַלע האָבען זייער טעות אויסגעפונען... און בע־וואונדערונג האָט זיך אין רחמנות פאַרביטען...

.1910

די פארלארענע שפראך

אין די ערשטע טעג נאך דער וועלט־בעשאפונג, איז צווישען אלע בעשעפעניסען פון דער וועלט א נאהנטע ברידערשאפט געווען. אלע האבען א שפראך געהאט, אויף וועלכע זיי פלעגען זיך צוזאמענריידען, און דער מענש פלעגט אויך אויף דער דאזיגער שפראך ריידען, און צווישען מענש און גראז און בוים און טייך און שטערען איז קיין סוד ניט געווען...

אין שטילע, שטערען־בעשפריצטע נעכט, פלעגט דער מענש זיצען ביי דעם זוים פון טייך, און א שמועס האלטען מיט די זילבער־געפלעקטע וועלען, און די ברייטע גרינע בוימער פלעגען זיך איינטים אין דעם געשפרעך אריינמישען, און די פינקלענדע שטערען פלעגען פון זייער וויטער הויך, פון צייט צו צייט, זייער טהייל אראפשושקען...

ווען דער מענש האט זיך פארזינדיגט, האט זיך א קללה איבער דער גאנצער וועלט פארשפרייט, און דער לשון האט איטליכען אפגענומען... אויפגעהערט האבען זיי צו ריידען. און אויף שטום־לשון בלויז, און ווינקענ־

דיג, אָדער זיפּצענדיג האָבען זיי איינער דעם צווייטען זיך דערקענען געלאָזט...

און אַלע זיינען תמיד בעטריבט און פאַרטראַכט... דען איטליכער זוכט די סודות פון דעם צווייטען צו דער־געהן, און קען זיי קיינמאָל ניט אויסגעפינען...

דער הימעל קוקט אויף דעם בלאָען טייך, און זוכט פון דעם רונצעלדיגען פּנים, די טיעפע וואַסער געהיימ־ניסען אַרויסצושעפּען... די גראָזען שעפּטשען און שטרע־קען זיך, און ווילען די סודות פון די בוימער כאַפּען... און די בוימער ציהען אויס די שמאַכטענדיגע צווייגען צו דעם זונענאונטערגאַנג, און פרעגען : וואָס מיינען די גאָלדענע וואָלקען ?...

און צווישען זיי געהט אום דער מענש, שטום און פאַרשלאָסען, און מיט פּייכט־גליהענדע אויגען, זוכט און פאָרשט ער, די געהיימניסען פון ערד און פון הימעל...

דען די בעשעפעניסען פון דער ערד זיינען פאַר־דעקטע סודות איינער פאַר'ן צווייטען געוואָרען...

.1910

דער ערשטער טויט

אויסגעצויגען אויף דעם גראָז איז דער יונגער הבל געלעגען... שטאַר און שטייף זיינען די מעכטיג־נאַקעטע אָרעמס און פיס געווען, און אָפענע גלאָצענדע ווייסלעך, האָבען אָהן לעבען צום הימעל אַרויפגעקוקט... און פון די שלייפען ביז צום האַלז האָט זיך געצויגען אַ רויט־פאַרגליווערטער פאַס — די חתימה פון טויט, דער זיעגעל פון קין׳ס מאָרד...

און אדם פון איין זייט און חוה פון דער אַנדערער זייט, האָבען געקוקט אויף דעם שטילען בר־מנן, און האָבען געוויינט און געשריען : —

„הבל, יונגער שטאַרקער זוהן אונזערער, פאַרוואָס
„שטעהסטו ניט אויף ? פאַרוואָס טרייסעלסטו זיך ניט
„אויף פון דיין גראָז־געלעגער, פאַרוואָס לויפסטו ניט מיט
„די הינדען גלייך, צווישען די באַרג־פעלזען ? פאַרוואָס
„פייפסטו ניט צו די פויגלען אַרום ?...״

און אין זיינע פאַרגלאָזטע שוואַרצאַפלען האָבען זיי אַריינגעקוקט, און האָבען מיט אַנגסטען געפרעגט : —

„ווען וועלען זיי זיך מיט פייערלעך אָנפילען ? ווען „וועלען די לאַנגע ברעמען זיך בעוועגען אָנהויבען ?”

דען קיינמאָל נאָך האָבען זיי דעם טויט ניט געזעהן... ניט פאַרשטאַנען האָבען זיי, ניט געוואוסט וואָס וועט געשעהן, און וואָס זיי דאַרפען טהאָן...

אָבער די קלוגע פויגלען ארום האָבען געוואוסט אַז הבל איז טויט, אַז זיינע ליפען וועלען זיך מעהר ניט ריהרען, און זיין בלוט איז אויף אייביג פאַרפראָרען. זיי האָבען שוין זייערע חברים־פויגלען געזעהן טויט פון בוים אַרונטערפאַלען, און געוואוסט אַז דאָס איז דער סוף.

און מיט רחמנות האָבען די שוואַלבען, און די טויבען, און די ראָבען, געדרעהט זיך אין קרייזען איבער די קעפּ פון אדם'ן און חוה'ן, און אויף זייער פויגעל־לשון מנחם־אבל געווען די אַלטע...

אָבער די אַלטע האָבען ניט פאַרשטאַנען.

דאַן האָט אַ קלוגער ראָב פון ערגעץ־וואו אין זיין שנאָבעל, אַ טויטען ראָב־קאַמעראַד געבראַכט, און פאַר זיי אין די אויגען, האָט ער פאַר דעם קאַלטען פויגעל, מיט זיין שווארצען שנאָבעל און זיינע קרומע נעגעל אַ גרוב געמאַכט, און איהם דרינען אויסגעבעט און מיט ערד פאַרשאָטען...

האָבען אדם און חוה דעם פויגעל'ס קבורה געזעהן און האָבען פאַרשטאַנען...

אין דעם שאָטענדיגען וואַלד, האָבען זיי פאַר זייער קינד אַ קבר געגראָבען, אין דעם פייכטען ערד־שוים האָבען זיי זיין יונגען גבור־לייב אַריינגעלעגט... אַ וויי־

כען ערד־מאַנטעל האָבען זיי אויף איהם אַרויפגעשאָטען, מיט גראָז און מיט בלעטער האָבען זיי זיין רוה־פּלאַץ בעשפּרייט...

און ווען זיי זיינען צוריק פון וואַלד אַרויס, אין דער לעצטער אבענד־רויטקייט, אַליין אָהן הבל'ען, האָבען זיי אַ נייעם שוואַרצען געדאַנקען געטראָגען אין זיך — דעם געדאַנקען פון טויט...

און הינטער זיי זיינען די שוואַלבען, און די טויבען, און די ראָבען נאָכגעפלויגען, און מיט מעהר ליעבשאַפט ווי אַלע מאָל, געדעדט צו זיי אויף פויגעל־לשון...

די אַנגסט פון טויט האָט מענשען און פויגעל ענגער צוזאַמענגעקניפּט...

.1910

דאס ירושה־העמדעל

גאָט'ס בעפעהל איז אַרויס : —

פון דעם שטילען זונניגען גן־עדן זאָל אדם אַרויס־געהן, אום זיך מעהר אַהין ניט צוריקצוקעהרען... מיט פיין און שוויים זאָל ער זיך מיט דער ערד ראַנגלען אום פון איהר זיין טעגליכען ביסען אַרויסצורייסען... מיט בלוטיגע פינגער זאָל ער די שטעכע דיגע דערנער אויספליקען מוזען, אום זיינע זאַנגען צו ראַטעווען, און זיין לעבען זאָל זיין מאַטערנים, און זיין פרייד — אַ רגע אָהן וועהטאָגען, און זיין האָפנונג — אַ ק אַ ר ג ע ר לויהן פאַר ש ו ו ע ר ע מיה...

און ווען גאָט האָט געזעהן דאָס עלענדע פּאָאר, שטעהענדיג ביי די טהירען פון גן־עדן, שטום זיך געזעגענענדיג מיט די פרוכט־בעלאָדענע בוימער, מיט די הויך־שפריצענדע קוואַלען, מיט די וואונדער־פאַרביגע קלוגע פויגלען — האָט ער אויף זיי גרויס מיטלייד געקריגען און ער האָט אדם'ען געשאָנקען אַ העמדעל. און דאָס

דאָזיגע העמדעל האָט געהאַט די סגולה, אַז דער וואָס האָט עס געטראָגען אויף זיין לייב, האָט אַרויסגעוואָרפען אַ מורא, אויף אַלע ווילדע חיות און אויף אַלע עופות...

ווען אדם האָט זיינע לאַנגע יאָהרען אויסגעלעבט, און האָט זיך אומגעקעהרט צו דעם שטויב פון וועלכען ער איז גענומען געוואָרען, איז דאָס העמדעל איבערגע־גאַנגען צו זיין יורש...

און אַזוי איז דאָס העמדעל געקומען צו נמרוד׳ן.

און נמרוד איז געווען פון דער נאַטור אַ גרויזאַמער מענש, איהם האָט זיך געוועלט געוועלטיגען איבער אַלע־מען, און די קרוין פון אַ מושל בכפו טראָגען, אָבער אַ טרום איז ער געווען, און מורא געהאַט פאַר זיין אייגע־נעם שאָטען...

האָט ער אָנגעטהאָן אויף זיין לייב אונטער אַלע קליי־דער, דאָס ירושה־העמדעל און האָט גענומען זיין פיילענ־בויגען און איז אַרויס אין וואַלד, און וואו ער איז גע־גאַנגען זיינען די חיות און די פויגלען פאַרציטערטע גע־וואָרען, און לייבען און לעמפּערטען און טיגערס זיינען נאָהנט צו זיין בויגען געקומען, און זיך ניט וועהרענדיג, געלאָזט זיך שיסען אָדער פאַנגען...

איז נמרוד׳ס נאָמען אַרויס איבער דער גאַנצער וועלט. זיינע גבורות האָט מען זיך דערצעהלט, זיינע העלדישקייטען געריהמט, ביז ער איז דער קעניג איבער אַלע מענשען געוואָרען, און אַלע האָבען געהאָרכט דעם בעפעהל פון זיין מויל...

ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט אַז זיין גבורה קומט בלויז פון דעם גע׳ירשנ׳טען העמדעל...

און טאָג פאַר טאָג איז נמרוד שטאַלצער געוואָרען, ביז די ערד איז איהם וועניג געוואָרען, און ער האָט אויך דעם הימעל בעצווינגען געוואָלט...

טויזענדער מענשען האָט ער צוזאַמענגערופען און האָט זיי געהייסען בויען אַ הויכען־הויכען טהורעם, אַזעלכען וואָס זאָל ביז צום סאַמע הימעל אַרויפשטייגען.

און די מענשען האָבען געטהאָן זיין בעגעהר און האָבען געשלעפּט לעהם און ציגעל און געבויט דעם טהורעם פאַר נמרוד׳ן... און וואָס העכער דאָס געביי איז געוואָרען אַלץ שווערער איז געוואָרען דאָס לעהם־שלעפּען און דאָס ציגעל־ברענגען...

ווען זיי זיינען שוין געווען גאַנץ הויך, פלעגט דער טרוס נמרוד, אָנגעטהאָן אין זיין גע׳ירשנ׳טען גבורה־העמד, שטעהן אונטען און אָנקוועלען... און ווען אימעצער פון די לעהם־שלעפּערס וואָס האָבען פון אונטען אַזוי ווי די מוראַשקעס אויסגעזעהן, האָט זיך אַרבייטענדיג אויסגעגליטשט, און איז אַ צושאָטענער אויף טויט אַרונטערגעפאַלען — פלעגט נמרוד זיך צומאָל ניט אומקוקען...

„איך האָב אַ סך״ — פלעגט ער זאָגען.

אָבער ווען אַ ציגעל פלעגט אַרונטערפאַלען, פלעגט ער מלא חמה ווערען.

„אַ הונדערט נפשות — איידער אַ ציגעל פון מיין בנין״ — פלעגט ער שרייען...

דאַן האָט גאָט צו זיינע מלאכים געזאָגט: —

„געהט און צומישט די שפּראַכען פון די וואָס אַר־ביימען אויף דעם דאָזיגען טהורעם, און זאָל דער זינ־דיגען בנין אויפהערען אַ דאָרן אין מיינע אויגען צו זיין...״

1910.

דער וואונדער־שטעקען

וועז דער זעקסטער טאָג פון דער וועלט־בעשאַפונג האָט זיך געהאַלטען ביים אויסלעשען, און באַלד־שוין האָט געזאָלט אָנקומען דער אבענד פון רוה — האָט גאָט בעשאַפען דעם וואונדער־שטעקען...

און ער האָט אויף איהם זיין אייגענעם נאָמען אויסגעשניטען, און ערד און הימעל, זונן און לבנה, וועלען און פעלזען האָבען אַ בעפעהל געקריגען, צו געהאָרכען דעם שטעקען'ס מאַכט...

און דאַן האָט איהם גאָט אַוועקגעשאָנקען צו אדם'ן אין גן־עדן, און אדם האָט איהם איבערגעלאָזען בירושה צו חנוך'ן, און ווען חנוך איז לעבעדיגערהייד אַרויף אין הימעל, האָט ער איהם צו זיין עלטסטען זוהן איבערגעלאָזען. און אַזוי איז דער וואונדער־שטעקען איבערגעגעבען געוואָרען פון פאָטער צו זוהן, ביז עס איז אין יוסף'ס הענד געקומען.

נאָך יוסף'ס טויט, ווען די קינדער פון ישראל זיינען אין פינסטערען גשן פאַרטריבען געוואָרען, און זיינען פאַרשקלאַפטע לעהם־שלעפער ביי די מצריים געוואָרען,

האָט מען דעם שטעקען צוגענומען אין דעם פּאַלאַץ פון דעם עגיפּטישען קעניג.

און יתרו וואָס איז געווען איינער פון די חרטומים און צויבערער פון פּרעה, האָט דעם דאָזיגען וואונדער־שטעקען דערזעהן, און האָט איהם ארויסגע׳גנב׳עט און האָט איהם איינגעפלאַנצט ביי זיך אין גאָרטען, וואו ער האָט אַרויסגעלאָזען שעהנע בליהונגען...

אָבער קיינער ניט, אפילו יתרו אַליין מיט זיין גאַנ־צער צויבער־קראַפט, האָט צו דעם בוימעל צוגעהן גע־קענט. א פאַרבאָרגענע האַנד האָט איטליכען וואָס האָט געוואַגט עס אָנצוריהרען, אָפּגעשליידערט צוריק...

ווען דער יונגער משה איז געקומען צו יתרו׳ן און איז אין יתרו׳ס גאָרטען אַריין, איז ער אָהן שרעק צו דעם וואונדער־בוים צוגעגאַנגען. און נאָכדעם ווי ער האָט דעם איינגעקריצטען נאָמען פון גאָט איבערגעלייענט, האָט ער דעם שטאָם פון דער ערד אַרויסגעצויגען, און דער שטעקען האָט זיך ניט געוועהרט...

דער אַלטער צויבערער האָט עס דערזעהן, און ער האָט צו זיינע טעכטער אויסגעשריען: —

„אָט ד ע ר מאַן וועט די אידען פון מצרים בע־פרייען...״

.1910

דאָס פּאָאַר

פּאָאַר־ווייז זיינען אַלע בעשעפּעניסען פון דער וועלט געקומען צו נח׳ס תבה ער זאָל זיי אַריינגעהמען... קיינער אָהן אַ זווג איז ניט אַריינגעלאָזען געוואָרען. דען דער בעפעהל פון גאָט איז געווען : „נעהם אַריין צו פּאָאַר פון יעדער מין וואָס לעבט אויף דער ערד״.

און ווען די טהויערען פון דער תבה האָבען שוין געזאָלט צוגערינגעלט ווערען, איז הינקעדיג געקומען צולויפען דער ליגען : —

— נעהם מיך אַריין אין דיין תבה ! — האָט ער זיך ביי נח׳ן געקליאַנעט.

— וואו איז דיין פּאָאַר ? — איז געווען דער ענטפער.

— איך האָב ניט קיין פּאָאַר. אַלע פלעגען מיך פאַרשטויסען ווייל איך בין מאוס, — האָט זיך דער ליגען געבעטען — נעהם מיך אַריין אַליין.

— ברענג אַ פּאָאַר אָדער ווער אין מבול פאַרטרונקען !

און שנעל געלאָפּען איז דער ליגען, געזוכט, געפרעגט, ביז ער האָט די קללה בעגעגענט.

— ווילסטו מיין זיווג זיין ? — האָט דער ליגען געפרעגט.

— וואָס וועסטו מיר אַלס נדן געבען ? — האָט איהם די קללה צוריקגעפרעגט.

— איך האָב גאָרניט. אָבער מיר וועט די וועלט גע־הערען. מע לאָזט מיך אין תבה ניט אריין, מיט דיר וועט מען מיך אַריינלאָזען. און דאַן ווען דער מבול וועט זיין אַריבער און איך וועל ווידער אויף דער פרייער וועלט ארוים, דאַן וועט אַלץ וואָס איך וועל פאַרדינען אין דיין האַנד זיין.

און די קללה האָט איינגעשטימט. און נח האָטביידען אריינגענומען.

און ווען זיי זיינען אַרוים פון דער תבה האָט דער ליגען אוצרות געזאַמעלט, רייכטהימער אָנגעשאַפט אָבער זיין זווג האָט אַלצדינג צוגענומען. אַזוי איז דער אָפּמאַך געווען...

און דער ליגען איז תמיד געבליבען אָרעם...

.1910

אברהם אבינו'ס דימענטשטיין

ביי דעם טראַקט וואָס האָט זיך געצויגען צו דעם הייסען מדבר, אונטער ברייטע שאָטענדיגע אייכענבוימער, איז געשטאַנען דאָס הויז פון אברהם אבינו.

ווען די מיטאָג־זונן האָט צוגליהט די לאַנדשאַפט אָרום און אָרום און דער זאַמד־וועג האָט ווי אַ געלע שלאַנג אויסגעזעהן פון דער ווייטען, פונקלענדיג, און זיך דרעהענדיג ביז צום הימעל'ס ראַנד אַוועק — פלעגט אברהם שטעהן ביי זיין טויער, און מאַכענדיג פון זיין לינקער האַנד אַ שירעם פאַר זיינע אויגען פון די ברע־נענדע שטראַהלען, פלעגט ער קוקען צי עס קומט ניט אימעצער אָן אויפ'ן שליאַך... האָט ער פון ווייטען דעם פלעק פון אַ ווייסען טורבאַן דערזעהן, אָדער דעם מאַטען קלונג פון קעמעל־גלעקלעך געהערט, פלעגט זיין האַרץ מיט פרייד אויפשפרינגען...

און ווען די וואַנדערער זיינען ביז צו די אייכענ־בוימער געקומען, פלעגט ער זיי אַנטקעגען לויפען, און אַליין פלעגט ער זייערע קעמלען אָפּזאָטלען, און קאַלטע וואַסער פונ'ם קוואַל, און מילך און פריש־געבאַקטע מעהל־קוכענס, פאַר די מיעדע געסט ברינגען...

און ווען זיי פלעגען האָבען זייער דורשט געשטילט

און זייער הונגער געזעטיגט, און זייערע גליעדער אויס־געררוהט אין דעם קיהלען שאָטען, און האָבען זיך ווידער פאַרטיג געמאַכט צום וועג, פלעגט זיי אברהם בענשען.

האָבען זיי זייערע גאַרטלען אויפגעמאַכט און פון דאָרטען זילבערשטיקער אַרויסגענומען, אָדער אימעצער האָט דאַנקען געוואָלט — פלעגט אברהם זיי זאָגען: —

„דאַנקט דעם גאָט פון דער קוואַל און דעם גאָט פון די פעלדער, וואָס איהר האָט מיט זייער טראַנק און מיט זייער פרוכט זיך געקוויקט...”

און אויף דעם האַלז פון אברהם׳ען איז אַ טהייערער דימענטשטיין געהאַנגען. ווער עס איז געקומען מיט אַ ביטערען געמיטה, אָדער קראַנק, פלעגט פון דעם שטיין אַ היילונג קריגען...

און אברהם פלעגט ליעבליך שמייכלען ווען ער פלעגט די געהיילטע זעהן, און זיין פנים פלעגט שיינען אַזוי ווי דער דאָזיגער דימענטשטיין... און ווען עס איז געקומען די שעה, און אברהם האָט זיינע גוטע שמייכעל־דיגע אויגען אויף אייביג צוגעמאַכט, האָט אַן אונגע־זעהענע האַנד דעם דימענטשטיין פון זיין האַלז אַרונ־טערגענומען, און אויפגעהאַנגען אויף דער זונן...

פון דאַמאָלסט אָן זיינען די שטראַהלען פון דער זונן אַ רפואה פאַר קראַנקע געוואָרען....

און ווען אַ חולה־מסוכן נאָך אַ שווערער פיבער־נאַכט, שמייכעלט אָקעגען די ערשטע שטראַהלען פון דער זונן און ווערט געגעזען, איז עס דער דימענטשטיין פון אברהם, וואָס האָט איהם אַ רפואה געבראַכט...

1910.

מתן תורה

.1

אין דער פריה איידער די תורה האָט געזאָלט גע־געבען ווערען, האָבען בתות מלאכים אַרומגערינגעלט דעם שטראַהלענדען כסא הכבוד און געבעטען האָבען זיי:
„גאָט פון ליכט און פון שעהנקייט, דו ווילסט דיין אוצר פאַרשענקען צו די שקלאַפען וואָס דו האָסט פון מצרים אַרויסגעפיהרט. אָבער פאַרקריפּעלט זיינען זיי, און געבויגען, מיאוס איז זייער געשטאַלט פון לעהם־שלעפּען געוואָרען... ווילסטו זיי זאָלען מיט זייער העסליכקייט דיין שכינה אַנטקעגען־קומען? ווילסטו זיי זאָלען, גע־בראָכענע און געפּייניגטע, דיינע ווערטער צונעהמען?..."
האָט גאָט זיינע היילענדע שלוחים אַרונטערגעשיקט. קוויקענדע דופטען זיינען אין אַלע צעלטען אריינגעדרונגען, און מלאכים־פליגלען האָבען געוועהט איבער איטליכען געלעגער, און געשושקעט אין די אויערען פון יעדען שלאָפענדען שקלאַף...

שפּעטער, ווען די העלע זונן האָט אַרויסגעבראָכען אויף דעם מדבר, און דער טרומפּייט האָט געשאַלט צו „קבלת התורה“, האָבען זיך די צעלט־גאַרדינען געעפענט. און צום בארג סיני זיינען געגאַנגען שטאָלצע, קרעפטיגע, שעהנע געשטאַלטען...

א פאָלק פון פּרינצען זיינען עס געווען... און א הימעל־חן האָט ווי א קראַנץ פון רויזען בעציערט איט־ליכען שטערען...

2.

אויף זיין ריכטער־שטוהל איז דער בורא געזעסען, און פאַר איהם זיינען אויף שטראַהל־געפלאָכטענע קיי־טען, די וואָג־שאָלען פון אמת געהאַנגען... און צו די זונען און צו די פּלאַנעטען איז זיין אורטהייל אַרויס: —

„היינט וועל איך מיין פאָלק מיין תורה אַלס מתנה דערלאַנגען... פון לאַנגע אייביגקייטען האָב איך געוואַרט אויף היינטיגען טאָג, און וואַרטענדיג האָב איך אייך בעשאַפען. איצט זאָל עס געשעהן, און אייער שיקזאַל וועלען ז י י ענטשיידען...

„וועלען זיי מיין געשאַנק אָננעהמען, דאַן זאָלט איהר זיך אין אייערע קרייזען דרעהען און ליכט און וואַרעמ־קייט פאַרשפּרייטען און מיט די מלאכים שירה זינגען...

„אויב נ י ט, זאָלט איהר ווידער אין כאָאָס פאַרשלונגען ווערען, און פינסטערנים און פוסטקייט זאָל .

זיין אַרום מיין טהראָן... מיין פלוך־אָטהעם זאָל אייך אין תהו־ובוהו פאַרוואַנדלען..."

און ווען פון דעם פלאַמענדען סיני־באַרג האָט אַרונטערגעשאַלט צום מדבר־פאָלק דער אָנפרעג: —

„ווילט איהר מיינע ווערטער אָננעהמען ?"

האָבען די זונן און די שטערען פון אַנגסטען זיך באַשאָטענט, און ציטערנדיג האָבען זייערע שטראַהלען אַרומגעטאַנצט אַרום די קינדער פון ישראל...

„מיר וועלען טהאָן און געהאָרכען..." —

האָבען ששים רבוא העלזער אַרויסגערופען זייער ענטפער... און אַ פריידגעשריי איז פון שטערען צו שטערען געלאָפען...

3.

„דער גאָט פון ראַכע בין איך"...

אויף דעם הונדערט־טויזענד קעפּיגען מענשען־ים איז אַ בלייענער שרעק געפאַלען... די לעבעדיגע וועלען האָבען זיך אויפגעהערט צו רודערען און צו ריהרען, און דער דונער האָט זיך געקייקעלט איבער אַ שטומער בית־עולם־מאַסע, אין דער מורא'דיגער שטילקייט פון דער מדבר... דער אָטהעם איז איטליכען פון פחד פאַרגאַנגען און די נשמה איז אַרויס...

סיני האָט פון טויזענד וואולקאַן־מיילער רויכיגע פלאַמען געשפּיגען, און די פלאַמען האָבען זיך איינאַנ־

דער געשלונגנען און זיך געצווינגען פון הימעל, באַלד ווייס, און באַלד געל, און באַלד רויט...

אָבער דער שימער פון די פלאַמען איז געפאַלען אויף פאַרגלאָזטע אויגען, אויף שטאַרע בר־מנן ווייסלעך . . . קיינער האָט ניט מעהר געזעהן, קיינער האָט ניט מעהר געהערט...

דאָך באַלד האָט אַ זיסער באַלזאַמדיגער טהוי פון דער העלער לופט, פון דעם לאַזור־קלאָרען הימעל, אַרונ־טערגעטריפט אויף די פאַרגליווערטע פנים'ער, און ווי פלייטען־קלאַנג האָט גענומען טרעלען : —

„איך האָב אייך פון מצרים אַרויסגעפיהרט און מיינע געליעבטע קינדער זייט איהר..."

און די מתים־מאַסע האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, אַ שטורעם פון פרייד־זיפצען האָט דעם שטילען זאַמד אויפגעווירבעלט...

און זעקס מאָל הונדערט טויזענד אויערען, האָבען ווידער זיך צוגעהערט צו דער שטים פון גאָט...

.1910

דער גערזעצנעבער

ווי אַ וועל וואָס טראָגט זיך און שפּרייט זיך פּאַנאַנדער, ביז זי שלאָגט זיך אָפּ אָן אַ ווייטען פּאַרוואָרפענעם ברעג, אַזוי האָט זיך געטראָגען און געשפּרייט ביז זי איז אָנגעקומען אין אַ ווייטען קעניגרייך פון מאָרגענלאַנד — די נאַכריכט: —

„אין דעם גרויסען מדבר וואָס ציהט זיך פון מצרים ביז כנען, וואַנדערט אַ פאָלק פון זעקס מאָל הונדערט טויזענד מענשען, געפיהרט פון אַ גאָט אין דער געשטאַלט פון אַ מענשען, און די אַלע זעקס מאָל הונדערט טויזענד לעבענס העננגען אָפּ און ווערען גענעהרט און אויפגעהאַלטען פון איהם, דען זיין האַרץ איז אַן אוקינוס פון ליעבע, און דער מינדעסטער פון זיי איז איהם טהייערער און ליעבער, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג..”

און דער קעניג פון דעם דאָזיגען ווייטען קעניגרייך האָט געהערט דערפון, און ער איז געוואָרען פאַרטראַכט, און וואו ער איז געגאַנגען האָט פאַר איהם געשימערט

דאָס בילד פון דעם מאַן וואָס זיין האַרץ איז אַן „אוקינוס פון ליעבע".

האָט ער געשיקט רופען די גרעסטע קינסטלער פון זיין לאַנד, זיי געהייסען אויסקלייבען פון צווישען זיך דעם פעהיגסטען און דעם געשיקטעסטען, און צו איהם געזאָגט: —

„אַ גרויסען חיל וועל איך מיט דיר שיקען, און קעמלען בעלאָדען מיט כל טוב, און דו וועסט געהן און דו וועסט דעם גרויסען מאַן געבען די מתנות און דאַן וועסטו זיין בילד אויף דיין לייוועגט אויסמאָלען און וועסט עס מיר ברענגען, אום איך זאָל קענען זיין הייליג געזיכט האָבען פאַר מיר יעדען טאָג".

און אַ גרויסער קינסטלער איז דאָס געוועזען. האָט ער אַ רייז אויפגעמאָלט, פלעגען די ביענען קומען זייער האָניג-זאַפט פון איהר צו ציהען, און האָט ער פויגלען געמאַכט פלעגען מענשען די הענד אויסשטרעקען אום זיי צו כאַפּען. —

האָט געוואַנדערט און געוואַנדערט דער קינסטלער, און הינטער איהם דער חיל, ביז זיי זיינען געקומען דאָרט וואו די שבטים האָבען זייערע געצעלטען אויפגעשלאָגען. אָבער ווען ער האָט געפרעגט וואו איז דער גרויסער מאַן, ער זאָל איהם די מתנות קענען אָפּגעבען, האָט מען די קעפּ געשאָקעלט, און אימעצער האָט איהם געזאָגט: — „זיין געלעגער איז אויף דער ערד, זיין צודעק איז זיין לייוועגט-מאַנטעל, און זיין שפּייז ווענינער ווי די שפּייז פון דעם פויגעל אין דער לופט..."

גראַד דאַן איז משה פאַרבייגעגאַנגען... אָבער דער שליח האָט ניט פּרובירט איהם זיינע געשאַנקען אויס־פּעקלען. נאָר אויף זיין געזיכט האָט ער געקוקט און אַ ציטער איז דורכגעלאָפען דורך אַלע זיינע גליעדער...

דעם קעניג'ס פאַרלאַנג האָט אָבער אויסגעפיהרט ווערען געמוזט.

האָט ער זיך הינטער דעם הייליגען מאַן'ס געצעלט פאַרלויערט און מיט זיינע איידעלסטע פאַרבען, שטריך נאָך שטריך פון דעם פּראָפעט'ס געזיכט געפּינזעלט, ביז אַ צווייטער פּראָפעט האָט אויף דעם טויטען לייוועגט אויפגעלעבט...

צוריק האָט דער חיל געוואַנדערט. אָבער ווען דער קינסטלער האָט דאָס בילד געבראַכט פאַר דעם הערשער פון דעם ווייטען קעניגרייך אין מאָרגען־לאַנד, איז דער לעצטער אויפגעשפּרונגען פון צאָרן : —

„נידערטרעכטיגער ליגנער — האָט ער געשריען —
„ווילסטו דיין קעניג אָפּנאַרען ? איז דאָס די געשטאַלט
„פון דעם מאַן וואָס זיין האַרץ אין אַן אוקינוס פון ליעבע ?
„די ליפּען זיינען צוזאַמענגעפּרעסט, די אויגען זיינען
„פייערדיג און גרויזאַם? דאָס איז אַ געבאָרענער טיראַן..."

אומזיסט האָט דער קינסטלער געשוואָרען, אַז זיינע הענד האָבען נאָך קיינמאָל אַזוי טריי ניט געדיענט, אַז קיינמאָל איז איהם נאָך נישט געלונגען צו בעפעסטיגען דעם אמת אויף לייוועגט ווי איצטיגס מאָל. מיט זיין לעבען האָט בעצאָהלען געמוזט...

און אַ צווייטען קינסטלער האָט דער מלך געשיקט. און די געשיכטע האָט זיך ווידערהאָלט. און נאָך איינער איז געפאַלען אַ קרבן פון דעם קעניג'ס צאָרן. און אַ דריטער איז אַוועק אויף דעם קעניג'ס שליחות, און דער פּנים אויפ'ן בילד איז נאָך האַרטער און נאָך גרויזאַמער געווען.

ווען אַ פיערטער איז צוריקגעקומען און האָט ציטערנדיג זיין טויט־אורטהייל ערוואַרטעט, איז דער קעניג פאַרזונקען פּלוצלינג אין אַ פינסטערע שוויינענים, און דעם קינסטלער האָט ער מעהר ניט געהייסען טייטען...

און אַליין איז ער אַוועק אויף דער רייזע צום מדבר, אָהן חיל און אָהן מתנות, ביז ער איז געקומען צו דעם נביא'ס געצעלט. און ווען ער האָט זיין פּנים דערבליקט, האָט אַ שרעק איהם פאַרפראָרען דעם מאַרך.

די קינסטלער האָבען איהם ניט גענאַרט: אַ געבאָרענעם טיראַן'ס געזיכט האָט ער פאַר זיך געזעהן.

ציטערנדיג אין גאַנצען קערפער איז ער דאַן געפאַלען דעם נביא צו די פיס, און האָט געזאָגט: —

„הייליגער, דו ביזט דער מאַן וואָס זיין האַרץ איז „אַן „אוקינוס פון ליעבע", און איך האָב דיין בילד תמיד „פאַר מיינע אויגען האָבען געוואָלט. און שלוחים האָב „איך אַהער געשיקט, די גרעסטע קינסטלער, און ריכטיג „האָבען זיי דיך געמאָלט און האָבען דערפאַר מיט זייער „לעבען בעצאָהלט, דען די שטריכען פון דיין פנים זיינען „פון אַ „געבאָרענעם טיראַן". —

און דער פּראָפעט האָט דעם קעניג מיט צאָרן אָנגעקוקט, און האָט איהם געהייסען גען צוריק אין זיין

לאַנד, און זיין רעשט פון לעבען פאַרברינגען אין תשובה און טרויער אויף זיינע אונשולדיגע אָפּפער...

„אָבער ביזט דו ניט דער מאַן וואָס זיין האַרץ איז „אַן אוקינוס פון ליעבע״ ?... — האָט דער מלך בלייך און געבראָכען געפרעגט.

„איך בין עס... אָבער איך בין דער געזעצגע־ „בער און דער פיהרער פון אַ פאָלק״.

און אין זיין געצעלט איז דער נביא האסטיג פאַר־ שוואונדען געוואָרען...

.1911

כביכול'ס טהרערן

איידער די פארצעהרענדע פלאמען האבען דעם בית המקדש אנגעריהרט, האט א גארב פון ווייסע פייער־זאנגען ארוים פון דעם בנין, צו דעם הויכען הימעל ארויפגעפלאטערט...

די שכינה האט איהר וואוינונג פארלאזען און איז צוריק צו גאט'ס טהראן ארויף.

און ווען דער דיקער רויך פון די פלאקערנדע ווענד איז חוצפה'דיג ארויפגעשטיגען, האט זיך ארום כביכול'ס שטערען א שווארצער וואלקען געוויקעלט, און אין זיינע אויגען זיינען צוויי טהרערן געשטאנען...

איבער אלע וועלטען האט זיך א שווערע מרה־שחורה פארשפרייט, די ווייסע פליגלען פון די מלאכים זיינען דונקעל געווארען, און אויפגעהערט האט דאס ליעד פון די פלאנעטען...

דער תהו־ובהו האט זיין פינסטערען שלונד געעפענט און זיך מכין געווען, אלץ וואס דער בורא האט אין די ששת ימי בראשית בעשאפען, צו פארשלינגען...

און אַ מורא'דיגער שטורעם האָט דעם וועלטען־בוי
הין און הער געשליידערט. די אייביגע פונדאַמענטען
האָבען זיך געוואַקעלט... כביכול'ס זיפץ איז עס געווען...

און מטטרון וועלכער שטעהט תמיד נעבען גאָט'ס
שטוהל, און איז איבער אַלע מלאכים געשטעלט, האָט
זיך צום פוס־בענקעל פון כסא־הכבוד געבויגען און גע־
בעטען: —

„הארר פון ליכט און פינסטערניס, געוועלטיגער פון
אַלע וועלטען, לאָז מ י ך דיינע טהרערען וויינען, און
זאָל דיין בליק ווידער ליכטיג ווערען, און זאָל ניט
דיין ווערק פאַרניכטעט ווערען...."

האָט זיך כביכול'ס שטוהל איבער אַלע וועלטען
אויפגעהויבען, העכער און העכער, דאָרט וואו קיין
מלאך'ס אויג קען ניט דערגרייכען, דאָרט וואו גאָט האָט
זיינע וועלטען געטרוימט איידער ער האָט זיי בעשאַפען.
און דאָרט האָט כביכול אין איינזאַמקייט, אין פאַרבער־
גענים געוויינט...

.1910

די ליעבלינגען פון גאָט

אײדער די נשמות װערען אַראָפּגעשיקט אויף דער זינדיגער ערד, שװעבען זײ אַרום װי קלײנע פײערדיגע זומער־פױגעלעך אין דעם אונענדליכען רוים פון די װעלטען, מיט דינענקע מילך־װײסע פעדעמלך בעהעפט צו דער שכינה... װאָס מעהר זײ דערװײטערען זיך פון כביכול'ס טהראָן, אַלץ מעהר שפּינען זײ אַרוים פון זיך די דאָזיגע פעדעמלעך, און װען זײ דערנעהנטערען זיך װיקלען זײ זײ אַרויף, אויף זײערע קלײנע ליכטיגע פליגעלעך.

און אַלע האָבען זײ ליעב, אי גאָט אי זײנע מלאכים. און פאַר זײ איז ניטאָ קײן פאַרשלאָסענער פּלאַץ. אומעטום מעגען די שעהנע נשמה'לעך אַרומפלאַטערען, און אַ גרויסער גלאַנצענדער מלאך װען ער פליהט דורך, רודערנדיג מיט זײנע ריעזיגע פליגלען, בלײבט העננגען אין עטהער, און שמײכעלט װען ער זעהט מחנות פון זײ אַרומטאַנצענדיג אויף די װײטע פעלדער פון הימעל...

מיט אַמאָל שאַלט אַ טראָמפּײט, און אַ זילבערהעלער קול רופט אוים : „די און די נשמה זאָל אַריין

אין דעם און דעם מוטערלייב". און איינע פון די מיליאָנען נשמות דערשפירט ווי די דינענקע מילך־פּעדעמלעך פּאַלען אַרונטער לויז פון איהר פליגעלע... אימעצער האָט אָפּגעשניטען זייער צוזאַמענבאַנד מיט'ן כסא הכבוד... און פיעל פון די מלאכים, ווען זיי דערזעהען עס, ווישען מיט זייערע שנעע־פּעדערען אַ ליכטיגע טהרער אַרונטער... אָבער גאָט'ס בעפעהל מוז געשעהן —.

און די נשמה קנייטשט זיך אויף און ווערט נאָך קלענער, און איז בעקלעמט און בעטריבט... און כביכול אַליין איז אין גרויס עצבות...

אַ שליח שיקט ער איהר נאָך, ער זאָל מיט איהר לערנען אין דעם לייב וואו זי וועט ליעגען צונויפגעקנוילט וואַרטענדיג אויף געבורט... איבער דעם עובר צינדט דער מלאך מיט זיין אָטהעם אָן אַ ליכט, און ער לערנט מיט איהם טאָג און נאַכט, די פּאַרבערגעניסען פון דער תורה, און די געהיימניסען פון דער וועלט־בעשאַפונג...

אָבער ווען עס קומט די צייט פון געבורט, בלאָזט דער מלאך אויס דאָס ליכט, גיט דעם קליינעם נפש'ל אַ שנעל אויף דער ליפּ און זאָגט: —

„איצט זאָלסטו אַלצדינג אַליין לערנען... און וואָס דו וועסט אויסלערנען זאָל זיין דיין אייגענס — דער לוין פון מיה, דער שכר פון פלייס..."

און די טהרער וואָס די נשמה וויינט, בלייבט נאָך, אַלס פּייכטער טהוי אויף די ברעמען פון דעם ניי־געבאָרענעם קינד...

וואַקסט דאָס קינד און גאָט וואַרט: —

„ווען ווער עס שוין אָנהויבען צוריקלערנען וואָס עס האָט פאַרגעסען?"

און אין דעם טאָג וואָס דאָס קינד הויבט אָן געהן אין חדר, שמייכעלט כביכול און זאָגט:

„געבענשט זאָל עס זיין".

אָבער דער שוואַרצער מלאך־המות לויערט אויף די דאָזיגע ליעבלינגען פון גאָט, און טראָגט פיעל פון זיי אוועק אונטער זיינע וויסטע פליגלען, איידער מע האָט זיי אין אַ טלית איינגעוויקעלט און צום רבי'ן געבראַכט, אום אלף־בית צו לערנען...

ביים טויער פון הימעל וואַרט שוין אויף דעם יונגען עופה'לע גאָט אַליין, בכבודו ובעצמו, און פיהרט עס אוועק אין ז י י ן חדר...

אין טויזענדער האַלב־רונדע רייהען אויף בענק פון גרינע זמאַראַגד־שטיינער מיט דימענטענע געלענדערס, זיצען די יונג־געשטאָרבענע קינדער און דער מלך מלכי המלכים זיצט אויף זיין שטוהל, און האַלט אַ לאַנגען, פון סאַפיר געמאַכטען טייטעל, און לערנט מיט זיי...

און איבער די הימלען טראָגען זיך די עכאָ'ס פון די קינדערשע קול'כלעך ווי זיי חזר'ן נאָך אין כאָר די ווער־טער פון גאָט...

און דרויסען שטעהען כתות פון מלאכים און האָרכען ענטציקט...

.1911